האָט עולם באַטראַכט אים מיט חידוש אין בליק,
אָט פונקט ווי אַ שטייגער, אַז שפּעטסטנס נאָך מאָרגן
וועט אויפגיין דער טאָג שוין פון ליכטיקן גליק.

## דער שבת-נאָכמיטאָג לכבוד רודאָלף ראָקער

איז דאָך נאַטירלעך, אַז „פריינט פון יידיש לשון" זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געפייערט רודאָלף ראָקערס יובילעאום דאָ ביי אונדז אין ווייטשעפּל, האָט דאָך ראָקער דאָ אין ווייטשעפּל זיך אויסגעלערנט יידיש, און זיין קולטור-טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך איז דאָך בעיקר געווען דאָ צווישן די אַרבעטער מאַסן פון אונזערע געסלעך.

און זעענדיק דעם צענדליק מנינים האָראָפּאַשנע יידן, בשעת „די ראָבאָטס" האָבן געהאַלטן אין איין פליען איבער אונדזערע קעפּ,—וואָס דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט און פאַרדייטלעכט דעם כבוד-אויסדרוק, פונם געפייערטן און געגעבן קרעדיט אונדזער ווייטשעפּל, וואָס האָט נישט פאַרגעסן איר געטריישאַפט נאָך 30-50 יאָר צו דעם יעניקן וואָס האָט זיך מיט לייב און לעבן זיי איבערגעגעבן,—האָב איך מיך דערמאָנט די ליבע רודאָלף ראָקערס, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרצן צו די ווייטשעפּעלער געסלעך דאָ.

ווען נאָר איך פלעג טרעפן ראָקערן אין בערלין איז זיין מויל פול געווען מיט פרייד און מיט שבחים איבער דעם ווייטשעפּעלער יידישן האָראָפּאַשניק.

דעם „מה טובו אוהליך יעקב!" פלעגט ער אויסזינגען איבער אונזערע פאַרשעמטע ווייטשעפּעלער געסלעך, איבער זיי, וואָס קיין איבעריק גוט וואָרט האָט קיינער פון אונזערע יידישע און העברעאישע שרייבער נישט געהאַט.

אונדזער שבת נאָכמיטאָג לכבוד זיין יובילעאום האָט באַוויזן, אַז ווייטשעפּעלס ליבע צו ראָקערן איז ניט וויניקער ווי זיינע צו אונדזער ישוב.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן רידינג-רום, 38, אַדלער סטריט, א.1.—3 נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 5-טן אויגוסט וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער שבת-נחמה-נאָכמיטאָג.

שבת, דעם 12טן, וועט מ. מינדל האַלטן אַ פאָרטראַג: די משיח-אידעע אין דער נייער יידישער דיכטונג.

שבת, דעם 19-טן, וועט רעוו. ש. ראָטה, האַלטן אַ פאָרטראַג די רעוואָלוציאָנערע העלדן אין דער ביבל.

שבת, דעם 26-טן, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון דעם יעצט פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן שרייבער יונה ראָזנפעלד.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1

TOWER HAMLETS LIBRARIES



# פינף יאָר מלחמה

## מלחמה און קולטור

אויב מלחמה איז דער גרויסער אויפטו פון דער שנאה אין דער בריאה, פון דער בייזער צעשטערונג-תאווה אין איר, אַלצדינג דערפונדענע און דערפאַרענע, געלערנטע און אויסגעקלערטע צו קענען געברויכן און אויסצונוצן פאַר צעשטערונג און כאַאָס,—דאָס גאַנצע וויסן וואָס מיר האָבן די גאַנצע וועלט ווידער צוריקצוברענגען צו תוהו-ובוהו! — מוז דעריבער זיין די גרויסע אויפגאַבע פון די ליבע אין די בריאה-מענטש, דעם געוואַלטיקן אָנשטרענג און די ליידנשאַפטן פון די כוחות, וואָס צעשטערונג טראָגט אין זיך, צו קולטיווירן און צו צוימען פאַרן נוצן פון דער וועלט. תופס צו זיין אין זיך אָט דעם געוואַלטיקן אָנשטרענג און די פערוואַנדלונג פון דער ווילדער מלחמה-חיה אין אַ נוצלעכע, זי איינצופאַנגען און צו צוימען, דערפאַר דער גאַנצער דזשאַנגל-וועג מיט די כלערליי כלי-משחית און מלחמה כלי-זיין.

און איז נישט דער פּעגעזאָס, דאָס באַפליגלטע פערד פון דער גרויסער וועלט-דיכטונג, אַזאַ איינגעפאַנגען מלחמה-פערד, אַ ווילד-אויפגעהירזשעטס, אַ דיבאָם-זיך-אויפגעשטעלטס, אויף וועלכן דער צבאות-גאָט זיצט און צוימט עס אינמיטן זיין צעשוימטן ווילדן ריט מיט די לייצן אין זיינע הענט.

וואָס זיינען דען די גרויסע שירה קאַפּיטלעך אין תנ"ך, דאָס „אז ישיר"-ליד, דאָס דבורה-ליד, אויב נישט געזאַנגען פון מלחמה-נצחון און געוואַלטיקן הערואיזם? און וואָס איז די „עליאַדע" און די „אודיסע" פון האָמער, און אַלע עפּאָכע מאַכנדיקע גרויסע דיכטונגען און שאַפונגען פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער?

מיר, די בריאה מענטש, וועלן זיך דאָך שוין נישט אַרויסדרייען פון אָט די נאַטור כוחות ווי לאַנג מיר וועלן לעבן, ווייל, אַ פּנים, דאָס לעבן גופא איז דאָך נאָר דער קאַמף בלויז פון אָט די נאַטור-כוחות . . . די אויפגאַבע נאָר פון קולטור-מענטש איז אָט די כוחות צו קולטיווירן, אין דעם כאַאָס אונזערן אַריינברענגען אַ סדר; מענטשלעכע שעפערישקייט איז, אָט די ליידנשאַפטן און ווילדע תאווה-כוחות פאַרמענדיק צו צוימען, עפּעס דערפון צו מאַכן: גוטס! שיינס! על כל פנים העראָאישעס. . .

וואָרים ווער ווייסט וועלכע כוחות אין דער נאַטור זיינען די שטאַרקערע, די גוטע צי די שלעכטע? און ווער ווייסט דען צי די איינע קאָן די צווייטע איבערהויפּט באַזיגן?

און ווער קאָן דאָס וויסן אויב דער מאָמענט פון פאַרשכורטן נצחון איז

ניסט טאַקע יענער קלימאַקס, אין וועלכן עס געשעט די אַקומילאַציע וואו מיר ווייסן ווידער נישט, וועלכעס איז דאָס גוטע און וועלכעס דאָס שלעכטע — דער „עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי“. . . .

דעריבער איז די גאַנצע אָנשטרענגונג און דער איבערשטייענדיקער נסיון פונם קולטור־מענטש און פונם שאַפנדיקן, זיך נישט צו פאַרלירן גאַנץ אינם גרויסן צער, פונקט ווי פאַרקערט, אין דער געוואַלטיקער פרייד פון די געשעע־נישן, נאָר זען אויסצוגעפינען די מיטלען מיט וועלכע די געשעענישן ווערן אויסגעפירט, זיי ווייטער צו ענטוויקלען און קולטיווירן פאַר דער גרויסער אויפגאַבע, פאַרן גרויסן צוועק פון דער מענטשלעכער ענטוויקלונג; די פאַר־מען זייערע שעפעריש דערפרישן פאַר ווייטערע פערוואַנדלונגען — — —

נישט שטעקן צו בלייבן אין דער שנאה, אין דער צעשטערונג־תאוה, נאָר פונקט ווי דער האַס אין דער בריאה האָט מיט איר כיטרעקייט אַלץ איינגע־שפּאַנט אין מלחמה רייט־וואָגן, זאָל די ליבע אינם מענטש מיט אַלע ליידנ־שאַפטן, וואָס אין איר, מיטן גרעסטן כוחות־אָנשטרענג, אָט די כיטרעקייט תופס זיין אין זיך און זי שעפעריש פערוואַנדלען. זי גובר זיין כדי זי צו באַצווינגען אונטער זיך! זי מנצח זיין, בכדי זי זאָל ווערן אונטערטעניק. . . .

אַלע ליידנשאַפטן און שטיקנדיקע תאוות לאָזן אויפגליען פונם פייער פון דער ליבע און גוטסקייט וואָס אין דער בריאה! דעמלט ערשט אַרבעט מיט אפילו דער האַס און די שנאה, ווי אַ סטימול, ווי אַ מאָטאָרישער אָנשטרענג אין דער ווייטערער מענטשלעכער ענטוויקלונג.

אָ, די דערפאַרונגען וואָס אַזעלכע פינף יאָר מלחמה טראָגן אין זיך, און ווי קאָנען זיי מענטשלעך הייליק אויסגעטראָגן ווערן! און נישט נאָר מיר קאָ־נען זיי פערוואַנדלען אין עטישע און עסטעטישע שיינקייטן, נאָר ווי קאָנען מיר פון זיי, פון אָט די פינף יאָר, העראָאיש פערוואַנדלט ווערן!! זאָלן מיר נאָר באַשטיין דעם גרויסן נסיון און אויסהאַלטן דעם געוואַלטיקן אָנשטרענג.

## גענעראַל טשערניאַכאָווסקי

אויב גבורה נאָר איז די גרויסקייט פון אַ פאָלק,
דער גרויזאַמער דער באַזיגער פון דער וועלט,
און אין גבורס הענט ליגט דער גורל פונם מענטש —
שטייט ער אַצינד פאַר אייערע טויערן דער העלד!

געבויגן דעם קאָפּ שנעל, און אויף די קני זיך געשטעלט,
ווען נישט איז פוןביידע נישט איבריק אַזויפיל!
עס האָט זיך אַ ייד אין אַ גענעראַל פאַרשטעלט,
דאָס האַרץ זיינס אויף אַ ווייל זיך צו געבן אַ קיל.



אָ, עס וועט דאָס זיין אַצינד אַ טויטנטאַנץ־שפּיל:
אונטער טאַנצנדיקע טאַנקען עס טרייסלט די ערד,
און צום טאַקט פון די פויקנדיקע קאַנאָנען,
דער „נאַ־שטיך“־קאַדריל אַ רגע נישט אויפהערט.

יאָ, אויב פון געשליפענער, פון בלוטיקער שווערד,
הענגט אָפּ דער גורל פונם מענטש און פון דער וועלט,
הענגט זי איצט אַ בלוטיקע איבער אייערע קעפּ,
ביזגילע אויף קני איר וועט זיך האָבן געשטעלט.

ערשט דעמאָלט וועט ער אַרויסעט העלדיש צעהעלט,
מיט גוטסקייט און מיט גענאָד אָפן פאַר דער וועלט —
צו דערלייזן די מענטשן פון נישט־גוטנס הענט
עס האָט זיך אַ ייד אין אַ גענעראַל פאַרשטעלט!

עפּאָלעטן, מעדאַלן וועמען עס געפעלט — —
אויף טויט און לעבן — אַזאַ וואונדערלעך שפּיל!
די גלאָריע ווען דער שונא ליגט דיר צו די פיס!
און ערשט דאָס בלוטיקע און נקמה־געפיל — —

צו באַפרייען אָבער די וועלט דאָס איז דאָס ציל!
אָ, ווען אַלע מענטשן וועלן ווערן דערלייזט —
— — — — — — — — — — — — — — — —
און אויב גבורה איז די גרויסקייט פון מענטש
וועט איר דערשפּירן איצט וואָס אַזוינס שטאַרקייט הייסט.

## נקמה צו נעמען און צו באַצאָלן

נישט טאַנק־מאָטאָרן, נישט האַרמאַטן־דיוויזיעס
רינגלען אַרום איצט דיין לאַנד מיט ווילדן געבריל —
עלעפאַנטן און לייבן, אויפגעשריגענע,
ביז די פאַרציקונג זייערע מאַכט זיי ערשט שטיל.

נישט פליער סקוואַדראָנען פול איבער דיינע שטעט —
ריזן אָדלערס קרייזן אַרום זייער רויב!
פון בלויזער שרעק געוואַלטיק איבער זיין קאָפּ,
בלייבט דער פאַנג ליגן אַן אויסגעשטרעקטער אין שטויב.

שטייענדיק גרייטע, וואַרטנדיק אויף אַ באַפעל,
נישט מענטשן חילות מיט באַוואָפנטן טראָט — —
אָ, נקמה צו נעמען און צו באַצאָלן —
שליחים אַזעלכע פון אַן „אל־נקמות״־גאָט!

פאַר לעבנס געפאַלענע, לעבנס מיליאָנען,
געמאָרדעט, געשענדעט, געקוילעט אומזיסט,
מענטשלעכע גופים פון גאַז־קאַמערן אַרויס
צעמאָלענע אויף שטויב פאַר פעלדישן באַמיסט.

דאָס פעך פון זייערע לייבער צו פאַרברויכן
זקנים און קינדער אין גוס־אויוועגס פאַרברענט — —
אָ, נקמה צו נעמען און צו באַצאָלן
פאַר מאַמעס אין די אויגן די טעכטער געשענדט!

פאַר מענטשלעכע לעבנס, הונדערטער, טויזנטער
לעבעדיקערהייט באַגראָבענע אין דער ערד,
פון רציחות־משונות אַנגעטוענע,
הערנדיק דערפון בלויז ס'האַרץ אויפגעציטערט ווערט.

נישט טאַנק־מאָטאָרן, נישט פילאָטן סקוואַדראָנען,
נישט פאַראַשוטן אין פלאַטערדיקן צעשאָט — —
יאָ, נקמה צו נעמען און צו באַצאָלן,
שליחים געשיקטע פונם „אל־נקמות״־גאָט!

## צום דייטשן פאלק איצט

ווייל איר האָט געיובלט מיט אייערע „העלדן״,
ווען זיי האָבן געטראָגן שרעק איבער דער ערד,
וועט אַ ציטער גיין איבער אייערע לייבער,
ווען אייער ערד איצטער וועט ווערן צעשטערט.

ווייל איר האָט אייך גערימט מיט אייערע „זיגן״,
ווען מענטשלעך בלוט האָט זיך געגאָסן ווי אַ טייך,
וועט אייער לאַנד מיט אייער בלוט איבערפלייצן
און אין קיין שום האַרצן קיין רחמנות צו אייך.



צום פינסטערן גרויל פון די העלדן אייערע
איר האָט צוקוקן געקענט מיט קאַלטן געמיט,
זאָלט איר שרייען אַצינד פון אייער פיין און לייד —
אַזאַ בראַנד־ווונד אייער האַרץ פון יסורים צעגליט!

יאָ, ווייל איר האָט אייך געפריידט מיט די נצחונות,
וואָס די רוצחים אייערע האָבן אייך געברענגט,
וועלן אַלע יובלען מיט אייער מפלה:
מערדער ווערן פאַר זייערע מעשים געהענגט!

קאָן מען דען נאָך באַשיצן געשענדיקטע ערד,
אַליין זי פאַרפייניקט מיט געהייליקט געביין?
די בוימער־שטאַמען הויך אויפגעגאַנגען דערפון,
קאָנען נאָר פעסטע תליות פאַר די שענדער זיין!

ווי תאוהדיק איר האָט דאָס גענאָסן דעם רויב,
באַקומענעם פון די אויסגעטיליקטע שטעט,
מ'וועט אים נאָך דערקענען אין אייערע הענט,
ווען נאָך הילף איר וועט זיי צעשטרעקן מיט געבעט.

און אַז איר וועט אויפהויבן מיט יאָמער אַ קול,
ווי שאַקאַלן־געהייל וועט זיין אייער געוויין:
אייך צוצוואַרפן אייערע „העלדן״־פגרים
צו באַגריזשען סלינענדיק זייער טויט־געביין —
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

## דער טאַנענבערג טויטן־טורעם

נישט קיין באַשיצונג־גריבער בויט איר אייך אַצינד —
קברים פאַר אייגענעם לעבן גראָבט איר איצט אויס!
דאָס וואָס איר האָט מיט אַנדערע לעבנס געטון,
וועט אַצינד מיט אייערע געשען — דאָס נאָר בלויז!...

אָ, ווי שנעל איר אײַלט זיך און ווי טיף איר גראָבט דאָס,
(וועלן דאָס געוואַלטיקע מאַסן־קברים זיין!)
וואָרים וואָס איר האָט געטון מיט מענטשן־לעבנס,
ווער קאָן עס דען בעסער וויסן ווי איר אַליין...

אָבער ווי שנעל און ווי טיף איר זאָלט נישט גראָבן,
נישט אַלע אייערע מתים וועלן אַריין — —
פֿאַר אַזאַ ברידער־קבר פֿון רוצחים־מאָסן,
עס איז דאָך נאָך דער גאַנצער ערד־קיילעך צו קליין — —

גראָבנדיק איר אַליין איר ווייסט עס מסתם שוין,
אַז מיט יעדער רגע דערנענטערט זיך דער טויט,
און אַז וואָס פֿלאַכער די גריבער פֿאַר די פּגרים
אַלץ העכער דער טאַנענבערג־טורעם אויפֿגעבויט!

פֿון סקעלעטן פֿון געפֿאַלענע אייערע
ליגנגעבליבענע אויף אָפֿענעם שלאַכטפֿעלד
פֿון הינט און פֿון וואָראָנעס אָרומגעגריזשעטע,
דער טאַנענבערג־טורעם ווערט איצטער אויפֿגעשטעלט — —

אַז זיין זאָל אַ שרעק פֿאַר קומענדיקע דורות,
דאָס וואָס איר האָט מיט מענטשלעכע לעבנס געטון,
האָט מען דאָך צומאָל פֿאַרן מולך נישט פֿעלקער —
אַ טאַטע נאָר האָט געשאָכטן זיין ערשטלינג זון —

— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט קיין באַשיצונג־היילן בויט איר אייך אַצינד —
קברים פֿאַר אייגענעם לעבן גראָבט איר איצט אויס!
און ווי טיף, ווי ברייט די גריבער זאָלן נישט זיין,
דער טויטן־טורעם איצט אַלץ געוואַלטיקער גרויס.

## פֿינף יאָר מלחמה

און אויב נישט פֿאַרטיליקן אַצינד מיר וועלן
דאָס שלעכטס פֿון פֿינסטערן פּנים פֿון דער ערד,
וועט לייב מיט לעמעלע צוזאַמען זיך פּאַשען,
נאָר נישט געשמידט וועט ווערן סאָכע פֿון דער שווערד.

לייב מיט לעמעלע וועלן צוזאַם זיך פּאַשען,
נאָר ברודער מיט ברודער אייביק אויף מעסער שטאָך!
און דער ערד־קיילעך — דער דרייענדיקער שלייפֿשטיין,
דעם שאַרפֿן מעסער־שפּיץ צו שלייפֿן נאָך און נאָך — —



געשען נישט וואונדער־נסים יעדע רגע? — — —
נאָר פֿערוואַנדלט זיי ווערן אין פֿינסטערניש בלויז!
אָ, ס'פֿאַרוויאַנעט די וואונדערלעכע רויטע רויז,
און דער שאַרפֿער דאָרן סטאַרטשעט שפּיציק אַרויס.

יאָ, אויב נישט אויסראָטן אַצינד מיר וועלן
דאָס שלעכטס פֿון פֿאַרפֿינסטערטן פּנים פֿון דער ערד,
איז דאָס וואָס געשען און דאָס וואָס וועט קומען — —
נישט עפּעס אַנדערש זיינען מיר מענטשן דערווערט!

אַז אַלץ וואָס דערפֿאַרן, אַז אַלץ וואָס דערפֿינדן,
אַז אַלץ וואָס האַנט צוזאַמענגעשטעלט און אויפֿגעבויט,
און אַלצדינג וואָס מענטשלעכער שכל ענטדעקט האָט
פֿאַר אויסראָטונג, פֿאַר פֿאַרטיליגונג און פֿאַר טויט.

יעטוועדעס מינדסטע שטויבעלע — פּולווער און פּראָך!
גאַז און גיפֿט געצויגן פֿון יעטוועדן געוויקס!
און איינער פֿאַר צווייטן נישט ליכטיקער ברודער —
שוואַרצער צילפּונקט נאָר פֿאַר צילנדיקער ביקס — —

גוטסקייט און געטריי און צו גאָט געבעט־געשריי —
די געשליפֿענע געשפּיצטע פֿאָלירנדיקע קויל!
און פֿון מויל האָניק זיסע טריפֿנדיקע רייד —
בלוטנדיק, סלינענדיק מעלה־גירהדיק געריל —

— — — — — — — — — — — — — — — —

## ווי שיין זי קאָן דאָס זיין אונזער פֿינסטערע ערד

(צו דער באַפֿרייאונג פֿון פּאַריז)

ווי שיין זי קאָן דאָס זיין אונזער פֿינסטערע ערד,
אַ שפּילנדיקער באַלעם אין מענטשלעכע הענט,
פֿון איינעם צום צווייטן געשליידערט, געוואָרפֿן,
מיט טויזנט קאָלירן אין ליכטיקן געבלענד — —

זוניק זאַפּטיק אַלע הערצער צו זעטיקן —
אַ פֿרישע יאָדרע פֿון איר שאָל אַרויסגעשיילט!
אַ באַלעם אַן אויפֿגעקנוילטער, צעוויקלטער,
אַ מעשהלע אַזאַ וואונדערלעך זיך דערציילט — —

פון באַבעשי הענט אָן אַראָפּגעוויקלטע,
אַ שפּילנדיק קעצעלע יאָגט זיך פלינק דערמיט,
מיט האַרכנדיקע אויגן מיר זיצן אַרום,
יעטוועדע רגע אַ געלעכטער זיך צעשיט.

און ווי די שנעלע שפּיזלען כאַפּן די „אויגן״!
און אָט־אָט־אָט הייבט זיך ס׳מעשהלע ווידער אָן:
„אַ צערעלע־צרהלע געווען איז ס׳לעבן,
אַ מכשפה געזעסן אויף גאָלדענעם טראָן,

„יעדעס אויפגעכאַפּטע „אייגל״—אַ מענטשלעך אויג!
געקוילעט לייבער דער וויקלענדיקער קנויל!!
און נישט אַ שפּילנדיק קעצעלע אונטערן טיש —
אַ לויערנדיקער לייב מיט סלינענדיק מויל —
— — — — — — — — — — — — — — — — —״

ווי שיין ס׳קאָן דאָס זיין אונזער פינסטערע ערד,
נישט מער קיין שטרויכלשטיין אויף פלאָנטערדיקן וועג,
און נישט אויפצורייסן מיט גאָזן, מיט גיפטן
איז זון אויפגעהאָנגען איבער אונזערע טעג —

אַ באַלאָן אַזאַ פון שנירל אָפּגעריסן
גייט זי אויף פריידיק ליכטיק איבער גאָרער וועלט!
ווי שיין זי קאָן דאָס זיין אונזער פינסטערע ערד —
פון פרייד אין מענטשלעכע אויגן ליכטיק צעהעלט.

א. נ. שטענצל

פראַנץ קאַפקאַ

## אַ בשורה פון דעם מלך

### א.

דער מלך—אַזוי הייסט עס—האָט דיר, דעם יחיד, דעם עלנטן אונטערטאַן, דעם שאָטן, וואָס פלעגט זיך פאַרבאָרגן אין די ווייטסטע מרחקים פאַר דער קייזערלעכער זון, יאָ, גראָד דיר האָט דער מלך געשיקט אַ בשורה, אַ וואָרט פון זיין טויטנבעט.

דעם שליח האָט ער געהייסן אַנידערקניען ביים בעט און אַריינגעשעפּטשעט אים דאָס וואָרט ווי אַ סוד אין אויער; אַזוי איז עס אים געווען געלעגן, אַז ער האָט פאַרלאַנגט דער שליח זאָל עס אים איבערחזרן, שעפּטשענדיק אין



אויער אַריין. די ריכטיקייט דערפון האָט ער באַשטעטיקט דורך אַ שאָקל מיטן קאָפּ. און פאַר אַלע צושויער וואָס זענען געווען ביי אים אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין טויט — אַלע ווענט און מחיצות ווערן אָוועקגענומען און אומעטום אויף די טרעפּ וואָס זענען געוועגדט אַהין און אַהער שטייען די אָנגעזעענסטע לייט אין דער מלוכה — פאַר זייערע אויגן האָט ער אָוועקגעשיקט דעם שליח.

דער שליח, אַ געזונטער און אומדערמידלעכער מענטש, האָט זיך תיכף ומיד געלאָזט אין וועג אַריין, דורכשלאָגנדיק פאַר זיך אַ וועג דורך דעם המון, אַמאָל מיט איין אָרעם און אַן אַנדערשמאָל מיט צווייטן אָרעם. טרעפט ער זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד, ווייזט ער יענעם אויף זיין ברוסט, וואו עס געפינט זיך דאָס אָפּצייכן פון דער זון און שוין שטייט דער וועג אָפן פאַר אים ווי פאַר קיינעם נישט.

די מאַסע איז אָבער אַזוי געוואַלטיק גרויס, אַז עס נעמט נישט קיין סוף. ווען עס וואָלט זיך נאָר געעפנט אַ פריי פעלד פאַר אים, וואָלט ער געפלויגן און דו וואָלסט באַלד דערהערט זיין פויסט קלאַפּן אויף דיין טיר. אַנשטאָט דעם אָבער איז זיין גאַנצע מי אומזיסט. נאָך אַלץ מוז ער זיך אַדורכשטופּן דורך די חדרים פון דעם אינערלעכסטן שלאָס; ניין, ער וועט זיי קיינמאָל נישט איבערקומען; און זאָל עס אים יאָ געלינגען, האָט ער אויך גאָרנישט געוואונען; ער וועט זיך מוזן דורכשלאָגן אַ וועג אויף די טרעפּ ביז אונטן אַראָפּ; און ווען דאָס וועט זיך אים איינגעבן, האָט ער ווידער גאָרנישט געוואונען; מען דאַרף איבערקווערן די הויפן; און נאָך די הויפן ליגט דער צווייטער, דער אַרומרינגלענדיקער פּאַלאַץ; און ווידער טרעפּ און הויפן; און ווידער אַ פּאַלאַץ; און אַזוי כסדר במשך פון טויזנטער יאָרן. און קומט ער סוף כל סוף אַרויס פון דער אויסערסטן טויער — דאָס קען דאָך אָבער קיינמאָל, קיינמאָל נישט געשען — ליגט ערשט פאַר אים די רעזידענץ־שטאָט, דער צענטער פון דער וועלט, אָנגעפּאַקט פול אויף אַלע אירע שטחים. דאָ קען קיינער נישט אַדורכדרינגען און נאָך דערצו מיט אַ בשורה פון אַ טויטן.—דו אָבער זיצט דיר ביים פענסטער און דאָס וואָרט, די בשורה, קומט דיר צו חלום, בשעת דער אָוונט פאַלט צו.

## פאַר דעם געזעץ

### ב.

אָ, יאָ, עס איז דאָ גענוג חסד
אויף דער וועלט—אָבער נישט
פאַר אונז. —פ.ק.

פאַר דעם געזעץ שטייט אַ שומר. צו אָט דעם דאָזיקן שומר גענענט אַ דאָרפסמאָן און בעט מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אינם געזעץ אַריין. דער שומר אָבער דערקלערט אים, אַז איצט קאָן ער נישט אַריינגיין. דער דאָרפסמאָן לייגט זיך

דאָס איבער און פרעגט דערנאָך, צי ער וועט מעגן אַריינגיין אַביסל שפּעטער. „ס'איז מעגלעך", זאָגט דער שומר, „נאָר איצט נישט".

אַזוי ווי אָבער דאָס טויער צום געזעץ שטייט אָפן ווי תמיד און דער שומר גייט זיך אַוועק אויף אַ זייט, בייגט דער מאַן זיך איין, כדי צו זעען וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. ווי דער שומר באַמערקט עס, לאַכט ער און זאָגט: „אויב עס לאָקט דיך טאַקע אַזוי שטאַרק, פּרוביר זשע, הגם איך האָב עס פאַרבאָטן, אַריינצוגיין. נאָר איין זאַך זאָלסטו דיר מערקן, איך בין שטאַרק. און איך בין נאָר דער אונטערשטער וועכטער; פון זאַל צו זאַל שטייען ווידער שומרים, יעדער איינער מעכטיקער ווי דער אַנדערער. איך אַליין בין נישט אימשטאַנד אפילו צו דערטראָגן דעם בליק פון דעם דריטן".

אַזעלכע שוועריקייטן האָט דער דאָרפסמאַן זיך בכלל נישט פאָרגעשטעלט; לויט זיין מיינונג דאַרף דאָס געזעץ תמיד זיין צוגענגלעך פאַר יעדן איינעם. באַטראַכטנדיק אָבער גענויער דעם שומר אין פעלץ, זיין גרויסע שפּיציקע נאָז, די לאַנגע, דינע שוואַרצע טאָטערישע באָרד, באַשליסט ער ליבער צו וואַרטן, ביז ער וועט באַקומען רשות אַריינצוטרעטן.

דער שומר דערלאַנגט אים אַ בענקל און לאָזט אים זיך אַנידערזעצן ביי דער טיר וואַרטן. אַזוי זיצט ער דאָרטן טעג און יאָרן. אַ סך מאָל פּרובירט ער, מען זאָל אים אַריינלאָזן, און מאַכט דעם שומר מיד מיט זיינע בקשות. אָפטמאָל שטעלט אים דער שומר אויף אַ קליינעם פאַרהער, פרעגט אים אויס וועגן דער היים און נאָך אַנדערע ענינים, דורכאויס גלייכגילטיקע קשיות, ווי די גרויסע לייט שטעלן, און צום שלוס זאָגט ער אים אַלעמאָל ווידער, אַז מען קען אים נאָך אַלץ נישט אַריינלאָזן.

דער דאָרפסמאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעשטאָט מיט פיל זאַכן אויף זיין נסיעה, פאַרשווענדט אַלץ, זאָל עס קאָסטן וואָס עס וויל, כדי אונטערצוקויפן דעם שומר. יאָ, דער דאָזיקער נעמט עס אָן, ער זאָגט אָבער דערביי: „איך נעם עס נאָר אָן, כדי דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דו האָסט עפּעס פאַרזוימט".

כמעט אָן אַן אונטערברוך קוקט דער מאַן אַזוי אויף דעם שומר. ער פאַרגעסט לחלוטין אין די אַנדערע שומרים און דער דאָזיקער ערשטער שיינט אים אויס צו זיין די איינציקע שטערונג פאַר זיין אַריינטריט אינם געזעץ אַריין. ער פאַרשעלט אָט דעם אומגליקלעכן צופאַל, אין די ערשטע יאָרן אָן ריקזיכט און בקול רם, שפּעטער, ווערנדיק עלטער, ברומט ער און מורמלט נאָך פאַר זיך.

ער ווערט קינדיש און אַזוי ווי במשך די אַלע יאָרן האָט ער שטודירט דעם שומר און זיך אויך באַקענט מיט די פליי אין קאָלנער פון זיין פעלץ, בעט ער זיך אפילו ביי זיי אים צו העלפן און ענדערן דעם שומרס דעה. צום סוף ווערן זיינע אויגן שוואַך, און ער ווייסט נישט, צי עס ווערט טאַקע טונקעלער, אָדער די אויגן פאַרפירן אים.

איצט אָבער אין דער טונקל דערזעט ער עפּעס אַ גלאַנץ, וואָס ברעכט אַרויס אומפאַרלעשלעך פון דער טיר פונם געזעץ. איצט בלייבט אים שוין נישט לאַנג צו לעבן. פאַרן טויט זאַמלען זיך אים צונויף אין קאָפּ אַלע דערפאַרונגען



פון דער גאַנצער צייט אין איין פראַגע, וואָס ער האָט נאָך דעם שומר נישט געשטעלט. מחמת דער גוף איז אים שטאַר און קען זיך נישט אויפשטעלן, ווינקט ער צום שומר, וועלכער מוז זיך טיף אַראָפּבייגן צו אים, ווייל דער אונטערשייד אין געוואוקס האָט זיך זער געענדערט צום אומגונסטן פון דעם דאָרפסמאַן.

„וואָס ווילסטו דען נאָך איצט וויסן?" פרעגט דער שומר, „מען קען דיך דאָך גאָרנישט צופרידנשטעלן". „אַלע מענטשן שטרעבן דאָך צום געזעץ", זאָגט דער מאַן, „טאָ ווי קומט עס, אַז אין אָט די פילע יאָרן האָט קיינער אַחוץ מיר נישט פאַרלאַנגט קיין אַריינטריט?" דער שומר זעט איין, אַז דער מאַן האַלט שוין ביים סוף, און, כדי נאָך צו דערגרייכן זיין אָפּשטאַרבנדיק געהער, ברילט ער אים אין אויער אַריין: „דאָ אַרום וואָלט אין יעדנפאַל קיינער נישט באַקומען דעם רשות אַריינצוטרעטן, ווייל אָט דער דאָזיקער אַריינגאַנג איז געווען באַשטימט נאָר פאַר דיינעטוועגן. איצט גיי איך אים צושליסן!"

## אַ חלום

### ג.

יוסף'ן האָט זיך געחלומט:

עס איז געווען אַ שיינער טאָג און יוסף האָט געוואָלט גיין שפּאַצירן. ווי נאָר ער האָט געשטעלט צוויי טריט, איז ער שוין געווען אויפן בית־עלמין. דאָרט זענען געווען קינסטלעכע, אומפּראַקטיש־געשלענגלטע וועגן, און ער האָט זיך געגליטשט איבער אַזאַ וועג ווי אויף שטראָמענדיק וואַסער אין אַ רואיק־שוועבנדיקער האַלטונג. פונדערווייטנס נאָך האָט זיין אויג אויפגעכאַפּט אַ פריש אָנגעוואָרפן קבר־בערגל, ביי וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן. אָט דאָס דאָזיקע בערגל האָט אים געלאָקט ווי אַ כשוף, און ס'האָט אויסגעזעען, אַז ער קען גאָר נישט גיך גענוג דאָרטן אַהינקומען. טיילמאָל אָבער האָט ער עס קוים געקענט באַמערקן, פענער האָבן דאָס קבר־בערגל פאַרדעקט, פענער, וואָס זייערע טיכער האָבן געפלאַטערט מיט גרויסער קראַפט און געשלאָגן איינס דאָס אַנדערע; די פאָנענטרעגער האָט מען נישט געזעען, און עס איז געווען, ווי דאָרט וואָלט געהערשט אַ גרויסע פייערלעכקייט.

בשעת ער האָט נאָך געהאַלטן זיין בליק געווענדט אינדערווייטנס, האָט ער פלוצלינג דערזעען דאָס קבר־בערגל פאַר זיך־ביים וועג, כמעט שוין הינטער זיך. האַסטיק האָט ער אַ שפּרונג געטון אויפן גראָז אַרויף. אַזוי ווי דער וועג אונטער זיין אָפּשפּרינגענדיקן פוס האָט ווייטער געוױשט, איז ער מיט אַ טרייסל אַנידערגעפאַלן אויף די קני גראָד פאַרן בערגל. הינטערן קבר זענען געשטאַנען צוויי מענטשן און געהאַלטן צווישן זיך אַ מצבה אינדערלופטן; אַ רגע נאָך זיין דערשיינען, האָבן זיי אַ שטויס געטון דעם שטיין אין דער ערד אַריין, און ער איז געשטאַנען פעסט ווי געמויערט. באַלד איז פון אַ קוסט אַרויסגעקומען אַ דריטער מאַן, וועלכן יוסף האָט דערקענט פאַר אַ מצבה־

קריצער. ער האָט געהאַט אויף זיך בלויז אַ פּאָר הויזן און אַ שלעכט פאַרקנעפּלט העמד; אויפן קאָפּ אַ סאַמעטן קאַפּל; אין דער האַנט — אַ געווענלעכן בליישטיפט, מיט וועלכן ער האָט שוין געצייכנט אותיות אינדערלופטן, קומענדיק נענטער.

מיט אָט דעם דאָזיקן בליישטיפט האָט ער איצט אָנגעהויבן אויבנאָן אויפן שטיין; דער שטיין איז געווען זער הויך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געדאַרפט איינבייגן, נאָר בלויז נייגן דעם קאָפּ, ווייל דאָס קבר־בערגל, אויף וועלכן ער האָט נישט געוואָלט שטעלן קיין פוס, האָט אים אָפּגעטיילט פון דער מצבה. ער איז דעריבער געשטאַנען אויף די שפּיץ פיס און זיך אָנגעלענט מיט דער לינקער האַנט אויף דער פלאַך פונם שטיין. דורך אַ באַזונדערס געשיקטער האַנטירונג איז עס אים געלונגען אַרויסצובאַקומען גאָלדענע בוכשטאַבן מיט אָט דעם געוועגלעכן בליישטיפט; ער האָט אויפגעשריבן: „פה נטמן“ — יעדעס אות איז אַרויסגעקומען ריין און שיין, טיף איינגעקריצט און אין פאָלקאָמענעם גאָלד. ווי ער האָט געהאַט אויפגעשריבן אָט די צוויי ווערטער, האָט ער צוריקגעבליקט אויף יוספן; יוסף אָבער, זייענדיק העכסט פאַראינטערעסירט אין דעם ווייטערדיקן תוכן פון דער אויפשריפט, האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם מאַן, נאָר ער האָט בלויז געבליקט אויף דער מצבה. דער קריצער האָט זיך אייגנטלעך ווידער גענומען צום שרייבן, ער האָט אָבער נישט געקאָנט מחמת עפּעס אַ שטערונג, האָט געלאָזט פאַלן דעם בליישטיפט און זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט צו יוספן. איצט האָט יוסף געקוקט אויף אים און באַמערקט, אַז ער איז אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, האָט אָבער נישט געקענט זאָגן וואָס די סיבה דערפון איז. זיין גאַנצע פריערדיקע לעבהאַפטיקייט איז פאַרשוואונדן. דורך דעם איז יוסף אויך אַריינגעפאַלן אין פאַרלעגנהייט; מיט הילפלאָזע בליקן האָבן זיי געקוקט איינער אויפן אַנדערן; עס איז געלעגן פאַר זיי עפּעס אַ מיאוס מיספאַרשטענדניש, וואָס קיינער האָט נישט געקענט דערקלערן. צו אַן אומגעלעגענער צייט האָט אויך אָנגעהויבן צו קלינגען אַ קליינער גלאָק פון אַ דערבייאיקן קלויסטער, אָבער דער מצבה־קריצער האָט אַ שאָקל געטון מיט דער האַנט און ס'האָט אויפגעהערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט עס ווידער אָנגעהויבן; דאָס מאָל גאַנץ פּאַמעלעך און, אָן באַזונדערער אויפאָדערונג, באַלד זיך אָפּגעשטעלט; עס האָט אויסגעזען, ווי דער גלאָק וואָלט אויסגעפּרובירט זיין קלאַנג. יוסף איז געוואָרן טרויעריק איבער דעם קריצערס לאַגע, האָט אָנגעהויבן צו וויינען און לאַנג געכליפּעט אין די הענט אַריין. דער מצבה־קריצער האָט געוואַרט ביז יוסף וועט זיך באַרואיקן און האָט זיך דאַן אַנטשלאָסן, אַזוי ווי ער האָט נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג, דאָך ווייטער צו שרייבן. דער ערשטער קליינער שטריך, וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען פאַר יוספן ווי אַ ישועה, דער קריצער אָבער האָט עס אָן ספק צושטאַנדגעבראַכט אויסערסט להיפּך זיין רצון; די עצם שריפט איז אויך שוין מער נישט געווען אַזוי שיין, איבערהויפּט האָט עס געפעלט אין גאָלד; בלאַס און אומזיכער האָט זיך געצויגן דער שטריך, דער בוכשטאַב איז נאָר געוואָרן זער



גרויס. אַ „יוד“ איז עס געווען און ווען שוין כמעט דערענדיקט, האָט דער מצבה־קריצער אַ טופּע געטון מיטן פוס אינם קבר־בערגל אַריין, אַז די ערד אַרום איז געפלויגן אינדערהייך. צום סוף האָט אים יוסף פאַרשטאַנען; ס'איז מער נישט געווען קיין צייט זיך צו אַנטשולדיקן; מיט אַלע פינגער האָט ער געגראָבן אין דער ערד, וועלכע האָט כמעט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד; אַלץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק צו זיין גרייט; נאָר לפנים איז געווען אויפגעריכט אַ דינער צודעק פון ערד; גלייך דערונטער האָט זיך אויפגעעפנט אַ גרויס לאָך מיט משופּעדיקע ווענט, וואוהין יוסף איז אַראָפּגעזונקען, געטראָגן פון אַ זאַנפטן אונטערשטראָם אויפן רוקן. אונטן אָבער בשעת ער האָט נאָך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ רגע איידער דער אומדורכדרינגלעכער תהום האָט אים אויפגענומען, האָט זיך שוין זיין נאָמען געיאָגט מיט מעכטיקע באַצירונגען איבער דער מצבה.

אַנטציקט פון אָט דעם דאָזיקן חזיון האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

איבערזעצט פון אָריגינאַל

א. אלמוג.

---

פראַנץ קאַפקאַ, פּונקט ווי ריינע מאַריע רילקע, דער טשעכישער פּראַגער, האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער דייטשער ליריק, האָט עס פראַנץ קאַפקאַ, דער פּראַגער ייד, געטון אין דער דייטשער פּראָזע. פון זיין קינסטלעריש געפאָרמטן אויסדרוק, ווי מען ווייסט נישט לייענענדיק אים, וואו עס לאָזט זיך די רעאַליטעט אויס און וואו עס הייבט זיך די פאַנטאַזיע אָן, באַקומט זיך אַרויס די מאָנומענטאַלע סימבאָליק פון אַ גרויסן פּראָזע מייסטער פון פאָרמאַט.

אין יידיש איז פראַנץ קאַפקאַ ווייניקער באַקאַנט ווי זיינע לאַנדסלייטשרייבער מאַקס בראָד און פראַנץ ווערפל, אָבער אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָט ער שוין זיך דערוואָרבן זיין בכבודיקן פּלאַץ צווישן די געציילטע פּראָזע מייסטער פון זיין עפּאָכע. הייאָר איז געוואָרן צוואַנציק יאָר זייט פראַנץ קאַפקאַ איז געשטאָרבן, אַ מאַן אין די בעסטע אַרבעטס־יאָרן, קוים עפּעס עלטער ווי 40 יאָר.

די איבערזעצונג פון א. אלמוג איז אין יעדן זין אויסגעצייכנט, סיי פון סטיליסטיש־ליטעראַרישן זין און סיי ריין שפּראַכלעך. מיר האָפן, אַז ס'איז נאָר אַ פּראָבע, און אַז מיר וועלן האָבן אינגיכן גאַנץ קאַפקאַ אין יידיש.

—ש.

משה עובד

## די מאלפע און איר ברודער-פראבלעם

די מאַלפּע הוידעט זיך אַזוי גרויס ווי זי איז אויף ניין:
„ניין! ניין! ניין! זיבציק מאָל ניין!
ניין, ס'קען ביי קיין פאַל ניט זיין,
ווי ברודער־מענטש, אַ כראָנישע קרענק רעדט זיך איין,
דאָס די וועלט איז עפּר־ואפר בלויס,
אַ הויפן מיסט און שוין!
און דאָס איז זיין לוין,
אַ זייפנבלאָז
אַ שנעל אין נאָז
און אויס!
ניין! די וועלט איז דורכאויס
די גינג־גאָלדענסטע קרוין
אין באַשעפערס שאַץ
די בליט־בלוטיקסטע רויז
אין באַשעפערס לאַץ.

עס איז דאָך ממש ניט אויסצוהאַלטן!
ווי אַלעס פלאַצט פון טויזענט טעמים
ווי ווערטער שיטן זיך פון געשטאַלטן
און ווערן באַהאָפטן דורך גראַמען.
און באַהאָפטן דורך גראַמען.

יעדער הייס־טריפנדער טראָפּ,
פאַרשיכורט מיר דאָך דעם לאָגעל פון קאָפּ,
גיסט זיך דאָך אַריין ווי אַלטער וויין
דורך יעדן ליעק פון געביין,
פון יעדן טריל פון נאַכטיגאַל
ווערט דאָך מיין קערפּער אַ טאַנצזאַל,
עס זינגט דאָך אין מיר ליד מיט ליד,
עס טאַנצט דאָך אין מיר גליד מיט גליד.

אָט דאָס נס'עלע דאָס ניסעלע,
דאָס זיסע קערנדל אין קנאַקעדיקן שיסעלע,
דעם האָניג־שפּע עס לאָזן פון זיך מעלקן
די אייטערס פון די שטערן
און טוען קיינמאָל נישט וועלקן,
קיינמאָל נישט פאַרצערן!



די זילבערנע שפּיגלען ס'שענקן זונען און לבנות,
די טייכן און פענסטער געבורטסטאָג מתנות,
די כלערליי קאָלירן פון די פלושענע טעפּיכן
אין קלענסטן בלימעלעס הויז,
וואָס שפּרייט זיך אין אַזאַ ענגשאָפט
מיט אַזאַ רחבות אויס,
די דופטן וואָס דרינגען אַזוי טיף אַריין
אינם שפּיציקן נעזעלע
פון דינסטן גרעזעלע
און ס'באַלעקט זיך אַזש ביז זאַט
די צונג פון בלאַט.
דאָס איז דאָך ניט פּסולת בלויס,
הפקר פּעטרישקע סתם גלאַט!
ניין! ברודער לעבן ניין!
דו, דו, דו, דו ביזט אַ באַרג מיסט
ווייל דו רעדסט דיר אַזוי איין".

און אַזוי הוידנדיק און בויגנדיק איר ניין! ניין! ניין!
מיט איר שפּילנדיקן עלאַסטישן חן,
אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף,
ווערט זי פלוצלינג פאַרטראַכט,
ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פילאָזאָף,
דעם שטערן צעזעגט, די אויגן אין קלעם,
דעם מוח איינגעשרויפט אין . . .
אין דעם ברודער־פּראָבלעם!
און קען ניט ווערן פון אים פּטור,
פרעגט מיט אַ פּראַגעצייכן־ווידעל און אויערן:
„מיר זיינען דאָך קינדער פון איין הימלישן פאָטער,
פון דער טראַכט פון איין מוטער־ערד געבוירן,
טאָ פאַר וואָס זשע איז מיין ברודער אַזוי סמוטנע,
אַזוי מעלאַנכאָליש און קאַלעמוטנע?
פאַרוואָס זשע טוט זיין יעדער טריט אַזוי לויהדיק טרויערן
אַזש דאָס וואַרימע ערד־לייב ווערט פון זיינע טריט
ווי אויערן פאַרפרוירן,
אויב די פרייד פון דאַזיין, דאַ־זינגען און דאָ־שפּרינגען
האָט ניט באַזיגט זיין טרויעריק וועזן,
אויב ווי אַן אַלט באַלאַסטעט פערד
שלעפּט ער זיך נאָך דער אַקראָבאַטישער ערד,

טאַ צו וואָס טויג אים צו זיין געזונט און גענעזן?
געבוירן, דערצויגן, געבילדעט און באַלעזן?

פאַרוואָס נעמט ער אַ שפּראָדלדיק שפּילעוודיק וואָרט
און באַגראָבט עס מיט געוואַלד אויפן טויטן־אָרט?
אין תכריכים פון געבונדענע ספרים,
וואָס זעען אויס ענלעכער צו מצבות ווי צו קברים".

און פונקט ווי ס׳פעדעמט דעם פונקט דער אויסרופסצייכן
אָדער פראַגעצייכן
(ווען אַלעס גייט ניטביים גלייכן . . .)
אַזוי פעדעמט די מאַלפּע מיט פראַגעס ווי מיט אַ פאָדעם
יעדן בן־איש און בן־אדם
„איז עס אויסגעהאַלטן על פי שכל",
פרעגט די מאַלפּע מיט אַ שמייכעל.
„דאָס וואָס דו האָסט זיך געלאָזט ווי אַ חעלעמער חזן
פון אַ לעגענדאַרע לעגענדע איינריידן,
אַז דו ביסט אַן אַרויסגעטריבענער פון אַ גן־עדן,
אַן אויסוואורף! אַן עפּל־פרעסער! אַן אָנגעבלאָזענער בלאַזן!
און דו גלויבסט טאַקי אין דעם גלאָס?
אין יעדן וואָרט און יעדן אות?
און איז עס טאַקי וואָר
דאָס מיטן מילכיקן וועג ביסטו ניט קיין פּאָר
דאָס דו ביסט נאָר אַ ווערעמל אין אַ גרין פאַרשימלטן קעז
און דאָס הייסט ביי דיר זיין ענוודיק און רעליגיעז?
אוי בראַטשיקל מיינער!
מיינסט דאָך דאָס דו ביסט אַ גאַנצער ניסן־קנאַקער,
אַ צוויי פּיסיקער יאַ טיעביע דאַם!
צום סוף ביסטו גאָר אַ תמעוואַטער תם!
כ׳בעט איבער דיין כבוד אַ . . .
ניסן קאַ . . . . !

„אָ, דו גולם בן גולם!
דו שוטה שבא לעולם!
דו מיינסט ווייל דו טרעטסט אויף מאַמע־ערד
איז זי אַ יורדת, האָט קיין ווערט,
פּונקט פאַרקערט!
פּראָביר גיי מיטן קאָפּ אַראָב וועסט געוואָר ווערן
דאָס איר הכנסה איז דאָס זילבערנע פון דער לבנה,
איז דאָס גאָלד פון שטערן".



דאָס פינטעלע מענטש איז אָבער דערווייל נאָך בלינד און טויב
פאַרשטאָפּט די קעמערלעך פון קעפּעלע צו דעם אַלעם.
און דאָ דרייט זיך אונטער דער מאַלפּעס פּיס ניט שטויב,
נאָר אַן אילומינירטער פּלאַנעט, אַ שפּילצייג, אַ באַלעם,
טרייסעלט זי זיך אָפּ פון אירע שווערע געדאַנקען,
פליט מיט באַפליגלטע אויגן־בלאַנקען,
צו די העכסטע הויכן פון די נידריקסטע נידער,
פליט פון די מענטשן־קינדער אין מענטשן־טאַטעס,
פון זייערע פּיענטעס און פּיאַטעס,
און פון אַנדערע זאַכן.
זי האָט מיט אירע מחשבות געקיצלט
און ניט געקאָנט מאַכן לאַכן,
פליט צו פאַרגעסן אין אירע מרה־שחורהדיקע ברידער
און עס זיינען זיך משמח אירע גליענדע גלידער,
זי טוט זיך באַיען הוידן און וויגן
ענגע האָריזאָנטן צו באַזיגן;
ס׳ווערן אויך ביי איר
אַלע צווייגן און צווייגעלעך פון באַנאַלע ביימלעך
ווי ביי אונזערע קבלהיסטישע אבות פריער
שטאַפּלען צו שטייגן איבער האָריזאָנטאַלע שטריימלעך . . .

און ווען די מאַלפּע שטייט שוין אויף דעם זיבציקסטן שטאַפּל
און דערזעט פון ערשטן הימעל ווי אונזער וועלט בליט,
אויף דעם קאָסמישן בוים דער רייפסטער עפּל,
און דערפילט ווי דער ריח ניחוח און דער תפארת ציט
דרינגט אַריין אין געמיט
און ווען זי דערזעעט נאָך ווי אַ מלאָך
אַ שלח־מנה פאַר יעדן מענטשן־קינד אונזער ערד־קוגעל
אונטער זיין ווייסן דורכזיכטיקן פליגעל.
קען זי שוין מער גאָר ניט לאַכן אָדער זאָגן
אַזוי שטאַרק טוט איר ביים האַרץ נאָגן,
און גיט אַ חלש אַוועק
און אַן עק!

י. ריכטיגער

## פרייהייט פון דענקן און גלויבן ביי יידן

### .III

אפילו אין גלות האָט דאָס יידישע פאָלק ניט אויפגעגעבן די רעכט פון פרייעם דענקן און גלויבן. די יידישע געלערטע האָבן אָבער פיעל מער געמוזט אויפפּאַסן, אַז די פרייהייט זאָל ניט ענטאַרט ווערן אין הפקרות. זיי האָבן ניט געקאָנט צולאָזן, אַז די יעניקע וואָס פרעדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד פון יידישן פאָלק זאָלן אויסנוצן די פרייהייט פאַר זייער נידערטרעכטיקער פּראָפּאַגאַנדע. ניט שטענדיק איז אָבער זיי געלונגען צו קאָנטראָלירן דעם שטראָם פון פרעמדע אידייען וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן דורך דער אָפּענער טיר. זער פיל טעאָריעס, וואָס זיינען געווען ווייט פון אורשפּרינגליכן יידישן דענקן, האָבן זיך אַזויערנאָך איינגעבירגערט ביי אַ טייל פון יידישן פאָלק ברענגדניק מיט זיך אַ קולטורעלע דעגראַדאַציע און נאַציאָנאַלע ענטאַרטונג. עס איז אָבער, אין לויף פון דער יידישער געשיכטע, קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך פאַרגעסן: אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל ווערן קאָרופּירט. אין געגנטייל, די קאָרופּציע ביי אַ טייל פון פאָלק האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעאַקציע ביי דעם געזונטן טייל פון פאָלק און זיי געטריבן אָנצונעמען קעגן מאַסרעגלען וואָס זיינען געווען אַ ברכה פאַר די דורות. אַ דאַנק דעם שטרייט וואָס די נביאים האָבן געפירט קעגן דעם איינפלוס פון פרעמדע אידייען ביי יידישן פאָלק, האָבן זיי געשאַפן זייערע אומשטערבלעכע ווערק און אויך די איינציקע פרייע טריבונע אין דער מענטשלעכער ליטעראַטור. דער תלמוד האָט זיך צום גרעסטן טייל ענטוויקלט דורך דעם וואָס די צדוקים האָבן באַשטריטן די לעגאַליטעט פון די יידישע געזעצן און די אסיים האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם יידישן מענטש אין אַ מעכאַנישע פּערפעקציאָן. עס איז דערפאַר פּשוט ניט צו פאַרשטיין פאַרוואָס די קריטיקער, אויף די מאָנומענטאַלע ווערק פון רמב״ם האָבן ניט איינגעזען די נויטווענדיקייט פון די דאָזיקע ווערק.

זיינע קריטיקער באַהויפּטן, אַז „די חכמים האָבן צוזאַמענגעשטעלט די הלכות אין אַזאַ פאָרם, אַז יעדער מורה הוראה זאָל זיי קאָנען אויסטייטשן און צופּאַסן לויט די אומשטענדן און לויט די צייט. ער אָבער, דער רמב״ם האָט פון די הלכות געמאַכט פעסטע געזעצן. ער האָט געוואָלט אַוועקנעמען יעדן ספק, פאַרמיידן מחלוקת און אונטערוואַרפן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט זייערע געלערטע אונטער זיינעם טאָטאַליטערן דענקן. אַנשטאָט וואָס די משנה ברענגט אויך די מיינונג פון דער מינדערהייט אום די שפּעטערע דורות זאָלן וויסן אַלעבײדע סברות און אַליין פאָרשן און אויסטייטשן און פּסקענען לויט ווי עס וועט זיי געפעלן, צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן און צייט. ווען ניט דער ראב״ד, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן דמב״ם וואָלט די משנה און דער תלמוד שוין לאַנג געווען פאַרגעסן און מיר, אונזערע קינדער און אונזערע אייניקלעך



וואָלטן געווען אָנגעוויזן אויפן רמב״ם און אויף אַריסטאָטעל און אפילו ניט געקאָנט נאָך פאָרשן אויב דאָס וואָס זיי זאָגן איז אמת״. אין פּשוטע ווערטער מיינט דאָס, אַז זיי באַשולדיקן דעם רמב״ם אין וועלן אונטערדריקן דאָס פרייע וואָרט, דאָס אַרויסזאָגן פון אַן אייגענע מיינונג ביים יידישן פאָלק. זיי זעען ניט איין די נויטווענדיקייט פון רמב״ם׳ס ווערק און דענקן, אַז דער רמב״ם האָט די ווערק אָנגעשריבן כדי אַרויפצוצווינגען זיין פּערזענלעכע מיינונג אויפן יידישן כלל. די געשיכטע לערנט אָבער אונז עפּעס אַנדערש, אַז מען שטודירט ערנסט די געשעענישן פון דער דאַמאָלטיקער פּעריאָדע מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די סיבה וואָס האָט געצווינגען דעם רמב״ם צו שאַפן זיינע ווערק, איז געווען, דאָס וואָס די פרייהייט פון דענקן און גלויבן איז אין די דעמאָלטיקע צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הפקרות און כדי ניט צו דערלאָזן, אַז די קולטורעלע דעגראַדאַציע זאָל ברענגען צו אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד פון יידישן פאָלק, האָט ער אָנגעשריבן זיין „משנה תורה״ און „מורה נבוכים״.

נאָכן חתימת התלמוד איז דורך דעם איינפלוס פון די זיגנדיקע מאַכמעדאַנישע לעגיאָנען אַ שאַרפער קאָנפליקט ענטשטאַנען ביים יידישן פאָלק. אַ נייע סעקטע „די קראים״ האָבן געוואָלט דורכפירן אַ טיף גייענדע רעפאָרמאַציאָן אין דער יודאַאישער וועלטאַנשויאונג. די געשיכטע דערציילט, אַז די דאָזיקע סעקטע איז ענטשטאַנען דורך אַ צופאַל: צוליב דעם וואָס מען האָט ניט אויסגעוועלט „ענן״ אַלס ראש הגולה. עס איז אָבער שווער צו גלויבן, אַז אַ פאָלקס־באַוועגונג, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, זאָל זיך האָבן ענטוויקלט וועגן עפּעס אַ באַליידיגונג צוגעבראַכט צו אַ יחיד. עס איז וואַרשיינלעכער אַז די אידעע פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז שוין פון אַ לאַנגע צייט געווען ביי אַ טייל פון פאָלק, און ווי די קראימישע היסטאָריקער באַהויפּטן, זאָל ענן האָבן געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט אויסגעוועלט ווערן אַלס ראש הגולה, כדי די אידייע צו פאַרווירקלעכן, אום זי איינצופירן ביים גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען, און ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער באַוועגונג.

עס איז פאַראַנען זער פיל באַווייזן אַז די דאָזיקע באַוועגונג האָט געפּרעדיקט אין דער יידישער גאַס נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד. אין דער זעלבער צייט וואָס זיי האָבן אָבגעוואָרפן דעם תלמוד האָבן זיי זיך אויך אָבגעזאָגט צו האָבן עפּעס געמיינזאַמעס מיט דעם נאַציאָנאַלן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די צייט פון בית שני. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז זיי שטאַמען פון די יידן וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן נאָך בבל. זיי האָבן דערפאַר נאָר געטרויערט אויפן חורבן בית ראשון. זיי האָבן אָבגעוואָרפן דעם יודאַאישן פּרינציפּ פון „אחרי רבית להטות״, און געגעבן יעדן דאָס רעכט צו שאַפן געזעצן פאַר זיך, לויט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, דאָס האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל צופאַלן אין אומצאָליקע סעקטן און מיט דער צייט אונטערגיין. אַז די וואָס זיינען איבערגעלאָפן צו די קראימישע סעקטע האָבן עס ניט געטון

צוליב דעם וואָס די יודאַאישער עול המצות איז געווען צו שווער פאַר זיי, קאָן באַוויזן ווערן פון דעם פאַקט, וואָס די קראַימישע מצות זיינען פיל שווערער געווען אויסצופירן ווי די יודאַאישע. ענן האָט עפנטליך געפּרעדיקט אַז מחמד איז אַ נביא פון גאָט געשיקט צו די אַראַבער. אויך, אַז די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן געקרייציקט דעם קריסטלעכן משיח. מען איז דערפאַר באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז מען האָט דאָ געהאַט צו טון מיט אַ באַוועגונג וואָס האָט געזוכט צו ברענגען דאָס יידישע פאָלק צו אַ נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג און צוצופּאַסן יודאַאיזם ניט צו די נויטווענדיקייט פון צייט און אומשטענדן, נאָר צו דעם הערשנדן קולט.

אַ שטראָם פון מיסטיציזם האָט אויך דאַמאָלט פאַרכאַפּט אַ טייל פון די יידישע געלערטע. מען האָט כסדר ענטדעקט קבלה ספרים, וועלכע מען האָט צוגעשריבן צו די חכמי התלמוד. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז רב האי גאון האָט אויף דעם געזאָגט „פתי יאמין לכל"—נאַראָנים גלויבן אַלעס וואָס מען רעדט זיי איין,— ווי עס איז געווען דער פאַל ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן דורך מיסטישע תורות, האָט די דאָזיקע לערע פאַרשפּרייט אַבערגלויבן און פינסטערניש אויך ביים יידישן פאָלק. די לערע האָט געקאָנט ברענגען דאָס יידישע פאָלק אין אַ געפערליכן צושטאַנד, זיי אַריינוואַרפן אין אַ כאַאָס פון אַ פאַרדעבלעכן אַסקעטיזם, פאַראַליזירן זייערע חושים פאַרן טאָג טעגלעכן לעבן און פאַרוואַנדלען דאָס אַרבייטסזאַמע פלייסיקע פאָלק אין אַן אויסשטאַרבנדיקע סעקטע.

אַזוי ווי עזרא אין זיין צייט און ר׳ עקיבא אין זיין צייט, אַזוי האָט אויך ר׳ משה בן מיימון געקעמפט קעגן דער הפקרות און פינסטערניש וואָס האָט פאַרשלונגען דאָס יידישע פאָלק. ער האָט אַריינגעבראַנגט אַ סדר אין דער תורה שבעל פה. ער האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק ריינע הלכות אָן די פליגתות וואָס געפינען זיך אין תלמוד. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס וואָס ער זאָגט אין פרק „תחית המתים", „ווען איך וואָלט געקאָנט אַריינשטעלן דעם גאַנצן תלמוד אין איין פרק וואָלט איך פון אים נישט געמאַכט קיין צוויי פרקים". דער תלמוד איז אין דער ווירקלעכקייט אַ סאָרט פאַרלאַמענטס־בולעטין, אין וועלכן עס קומט פאָר די דיספּוטן איבער יעדן געזעץ, און דעם רמב"ם „משנה תורה" איז דאָס פאַרקירצסטע האַנטבוך מיט געזעצן פאַרן ריכטער. דעם „מורה נבוכים" האָט ער געשאַפן כדי צו באַקעמפן דעם אַבערגלויבן און פינסטערניש ביים פאָלק. אמת, די אַריסטאָטלישע טעאָריעס איבער פאַרשידענע און מעטאַפיזישע פּראָבלעמען זיינען היינט ניט מער גילטיק. אָבער אין זיין צייט איז עס געווען די מאָדערנע ווויסנשאַפט. אויסער דעם פאַרנעמט דאָס אַריסטאָטליאַנישע אין „מורה נבוכים" זער אַ קליינעם פּלאַץ קעגן איבער זיינע אייגענע פאַרשונגען וואָס ער האָט אונז געגעבן, פאָרשונגען וואָס זיינען נאָך היינט גילטיק.



יוסף הלל לעווי

## שטאָט פון טרערן און געזאַנגען

מיין טייערן יוגנטפריינט מרדכי געבירטיג
פאַר צעזאַמענפאַרבראַכטע גליקלעכע טעג

.1

שטאָט פון וווּנדער און חלומות,
קוואַל פון מעשיות אָן אַ שיער,
שטאָט פון הייליקע מקומות,
אייביק ציט מיין האַרץ צו דיר.
קיינמאָל וועט דיין דופט אויסוועפן
און דיין שיינקייט זיין פאַרבלייכט,
צו די העכסטע חלום־טרעפן
דורך דיין צויבער כ׳האָב דערגרייכט.

אויף דיין בוזעם שטאַרק געוואָרן
בין איך, און ביי דיר אין שויס,—
אויסגערייפט זיך ווי די קאָרן
גאָלדן, און געוואָרן גרויס.
אויפגעבליט מיט דיר אינאיינעם
האָב איך, און איך וועלק ווי דו —
כ׳טראָג אין האַרץ דעם כשוף דיינעם
מיט דיין אומרו, פול מיט רו . . .

און ער מאַכט מיך תמיד שענער
ווי די גאָלדענע זון אַ בלום,
ס׳ליכט פון דיינע גרויסע מענער
מאַכט מיך ליכטיק ווו איך קום.
אָפטמאָל זוך איך וואָס אַנטרונען
ס׳איז מיר אין מיין יוגנט לאַנג;
שטאָט פון אויפגעהעלטע זונען
און פון זונען אונטערגאַנג.

ווי אַ רויז דיין יעדער דאָרן
אין מיין האַרץ פלעגט אויפצוגיין,—
נאָר דורך דיר בין איך געוואָרן
וואָס איך בין, און וואָס כ׳וועל זיין.

שטאָט פון „צען הרוגי מלכות״,
כ׳טראָג דיין הימל בלאָ, און גראָ,—
שטאָט פון חסידות און מתנגדות,
תוספות־יום־טוב און רמ״א . . .

.2

אין די קאַטאַקאָמבן שטילע
פונעם „װאָװעל״ אָפּט באַטריבט,
כ׳האָב געװאַנדערט װי אַ תּפילה
צו דעם סאַרקאָפאַג פאַרליבט —
פון דעם טיפן פאַלקסבאַצװינגער
„פּאַן טאַדאוש׳ס״ שאַפונגס־האַר;
פוילנס גרעסטן נביא־זינגער,
און פאַרייביקער פון צער . . .

אַז מיין האַרץ אַנידערקניען
זאָל מיט ברכות הייליק, שטיל,
װי די רויזן זיך צעבליען
מיט די לאָרבערקראַנצן פיל.
װייל מיט פוילנס פרייד און װוּנדן,
און מיט פוילנס פּיין און גליק,—
בין אויף אייביק איך פאַרבונדן
פון איר ערד איך בין אַ שטיק . . .

.3

האָסט מיר קראָקע גלאַנץ געגעבן
מיט דיין שיינקייט מיך באַבלומט,
און דיין יידיש בונטער לעבן
אין מיין האַרץ ביז היינט נאָך שטרומט.
פוילישע װייסל כ׳הער װי ס׳װיגן
דיינע װערבעס זיך ביים ברעג,—
מיט אַ יידיש באַנגען ניגון
אייביק אויסגעמישט מיט שרעק.

קראָקע, פרייד און מרה־שחורה
האָט דיין האַרץ אַ קװאַל פאַרמאָגט,
אויף די טרעפּ אין שמחת תּורה
מ׳האָט אין „אַלטער־שול״ געזאָגט:
אויך אַ פּסוק טרויריק איכה



נאָך דער דריטער הקפה באַנג,—
זיך דערמאָנט די דורות בלייכע
װאָס פאַרגאַנגען זענען לאַנג . . .

.4

אָפּטמאָל אין מינוטן טריבע
טראַכט איך תּמיד אין דער שטיל,
װאָס אַזוינס איז דען מיין ליבע
צו דיר קראָקע אָן אַ גבול?
זענען עס די שולן, קלויזן,
צו די געסלעך מלא חן?
װי איך פלעג אַרומצובלאָנדזשען
װי אַ בין אין זונענשיין;

אָדער זענען עס די צייטן
װען איך בין נאָך יינג געװען;
און די גאַנצע װעלט פון װייטן
אַזוי װוּנדערלעך געזען —
אָדער דורות װאָס אין שטילן
רוען מיט דיין ערד פאַרקניפּט?
כ׳װייס ניט, נאָר מיין דענקן, פילן,
קראָקע, — איז אָן דיר פאַרליבט . . .

דיינע װערטער, פאַרבן, קלאַנגען,
האָבן ס׳לעבן מיר אַנטפּלעקט,
דיינע טרערן און געזאַנגען
האָבן מיך פון טרוים געװעקט . . .
איז װען יידיש בלוט געפלאָסן
האָט דיין צער זיך אויפגעראָלט,—
טרערן בלאַסע שטום פאַרגאָסן
שטילן ס׳בלוט מיט זיי געװאָלט.

.5

ס׳װעט די בייזע ראָב פאַרפליען
װי אַ װאָלקן שװער פון בליי,
פון דיין הימל און אויפבליען —
װעסטו װידער פון דאָס ניי.
קלינגען װעלן נייע לידער,
װאַקסן װעט אַ פרייער שטאַם, —

פוילן, ייִדן, גלייך ווי ברידער
ווענלן לעבן נאָך צעזאַם.

ווען מיליאָנען בלוטן, שטרעבן,
פאַר דעם מאָרגן וואָס באַגינט,
אָ, ווי ווילט זיך ס׳גליק דערלעבן
קראָקע, וואָס דער אונגליק שפּינט.
שטאָט פון האָפענונגען, פאַרלאַנגען,
זוניק־פורפורדיק צעגליט,—
שטאָט פון טרערן און געזאַנגען,
דיר איך הייליק מיין ליד.

## לכבוד רודאלף ראקערן

דזשארדזש קארס (וועטעראַן פון דער לאָנדאָנער „פרייהייטס גרופּע")

דער באַשלוס, אָפּצוהאַלטן אַ חברישן צונויפקום, כדי צו באַערן אַ מענטשנס דערהויבענעם כאַראַקטער, האַלט איך, איז אַן אויסגעצייכנטע זאַך.

אַן און פאַר זיך איז עס אפשר אַ גוטע זאַך צו לויבן די טויטע — אחרי מות קדושים אמור, איז שוין אַן אַלטער כלל — און אויסצודערציילן זייערע גוטע מידות און דערגרייכונגען ביים לעבן. אַ געהעריקע אָפּשאַצונג אָבער בעת די געגעבענע פּערזאָן לעבט און איר געבן פרייד און אויך דערמוטיקונג צו ווייטערדיקער טעטיקייט, אַזעלכע אויסדרוקן ווערן אָן שום ספק אָנגענומען מיט דאַנקבאַרקייט איידער דער ברודער פון „היפּנאָס" קומט און שליסט זיי אין זיינע אָרעמס.

אייניקע אַזעלכע פאַלן זענען מיר פּערזענלעך באַקאַנט. פּעטער קראָפּאָטקין, באַגרינדער פונם אַנאַרכאָ־קאָמוניזם און קעמפער פאַר פרייהייט; ווילליאַם צ. אוען, וואָס האָט אַזויפיל אויפגעטון פאַר דער באַוועגונג פון די מעקסיקאַנישע פּויערים אין זייער היסטאָרישן קאַמף פאַר פרייהייט און יושר; יאָ, ביידע זענען זיי באַערט געוואָרן פון פריינט דאָ אין לאָנדאָן איידער זיי האָבן אונז פאַרלאָזט. ווי באַוואוסט איז קראָפּאָטקין געשטאָרבן אין רוסלאַנד אין 1921 און אוען אייניקע יאָר שפּעטער אין ענגלאַנד.

די באַערונג איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ קוואַל פון פרייד פאַר אָט די ביידע נאָבעלע מענטשן און אויך פאַר די פריינט, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי צוצוטיילן זיי דעם דאָזיקן כבוד.

אָפּטמאָל באַנוצן מיר זיך מיטן אויסדרוק „ער וועט נישט קענען איינרוען אין קבר" אין שייכות מיט געוויסע געשעענישן; אַ סך מאָל איז עס מיר שוין געקומען אויפן געדאַנק, אַז ווען געוויסע מענער און פרויען וואָלטן געקאָנט



אויסגעפינען, ווי הויך מען האָט זיי געשעצט נאָכן טויט, וואָלטן זיי אויך נישט געקענט איינרוען . . .

דעם לעבעדיקן רודאָלף ראָקער אָבער, וועמען מיר שיקן היינט צו אַ באַגריסונג האָט אין זיין יוגנט דערפילט אין זיך אַ פייער און האָט עס אויסגעדרוקט אין דעם באַשלוס זיך צו ווידמען פאַר דעם קאַמף אָפּצושאַפן אומגערעכטיקייט אויף יעדן געביט פון אונזער סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, און אויפצובויען אַ נייע וועלט לויט ווי דאָס האַרץ באַגערט עס.

רודאָלף ראָקער האָט במשך פון אַ סך יאָרן זער פיל אויפגעטון מיט וואָרט און ליטעראַרישער שריפט לטובת מערערע ענינים און אַלעמאָל אין די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס. ער האָט געשריבן און גערעדט אין אייניקע לענדער, אויף דריי אָדער פיר שפּראַכן, זוכנדיק צו ברענגען אייניקייט צווישן די פעלקער קעגן דער אידיאָטישער אומווירדיקייט—מלחמה. יענע באַמיאונגען האָבן זיך נישט אָנגעטראָפן מיט דעם דערפאָלג, וועלכן זיי האָבן פאַרדינט, עס איז אָבער ווערט געווען אונטערצונעמען אָט די שריט הגם ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט.

די פעלקער, זייענדיק איינגעגלויבט אין דער פאַרנונפט און ערלעכקייט פון די הערשער, האָבן מיט בטחון אָנפאַרטרויט אָט די דאָזיקע פּראָבלעמען צום פעלקער־בונד—אַ פאַרזאַמלונג פון רעפּרעזענטאַנטן פון די מלוכות, אָנשטאָט אונטערצונעמען אַ גרויסע און געמיינזאַמע אַקציע אין זייערע אייגענע אינטערעסן.

עס קען זיין, אַז עס געפינען זיך דאָ אַזעלכע וואָס פאַרגעטערן דעם שטאַט און ביי זיי בעט איך טאָלעראַנץ בעת איך וועל באַרירן אַן אָנגעווייטיקטן פּונקט, וואָס מען טאָר אים נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק. אַ סך מענטשן, האַלטנדיק זיך ביי עפּעס אַן עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער טעאָריע און פאַרטיי, האָבן פּראָפּאַגירט די לאָזונג: דער שטאַט איז אַלץ, דער יחיד—גאָר־נישט. די מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי אָט דער מיינונג, האָבן פאַרכאַפּט דעם שטאַט—ווי זיי פלעגן עס אויסדריקן—און עס איז בכלל איבריק פאַר מיר אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון דער געשיכטע במשך פון די לעצטע אייניקע יאָר. דער פּועל יוצא איז געווען, אַז מען האָט איינגעפירט דאָס געטלעכע רעכט פון דעם שטאַט אויפן אָרט פון דעם פריער דיסקרעדיטירטן און אָפּגעשאַפטן געטלעכן רעכט פון דעם מלך.

דער יחיד אָבער איז דאָך די איינציקע „רעאַליטעט" און דאָס וואָס ווערט אָפּגעטון אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט קען נאָר געמשפט ווערן רעלאַטיוו צום איינצעלנעם, וואָס פאַר אַ נוצן אָדער שאָדן ער האָט דערפון, מחמת די געזעלשאַפט אָדער געמיינשאַפט איז בעצם אַ קאָלעקטיוו פון יחידים.

די סאָציאַלע דעפיניציעס זענען אויך אייגנטלעך נישט מער ווי אַבסטראַקטע באַגריפן, וואָס פאַרדעקן די פחדנותדיקע אָנפאַלן אויף דער מענטשהייט. אין יעדן עקאָנאָמישן סיסטעם, פון וואָס פאַר שאַטירונג עס זאָל נישט

זיין, מוז עקזיסטירן אַ געהעריקער רעספּעקט און אָנערקענונג פאַר די רעכט פון דעם יחיד. ווען דאָס איז נישט דער פאַל, איז נישטאָ קיין שום גאַראַנטיע בנוגע פּראָגרעס, וואָס איז תמיד אַ רעזולטאַט פון אינדיווידועלער איניציאַטיוו.

דאָרטן, וואו ס׳הערשט דער שעדלעכער פּרינציפּ פון שטאַטלעכער פאַרגעטערונג, קען נישט זיין קיין אָרט פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ראָקער, וועלכער האָט געווידמעט זיין ענערגיע און פעאיקייטן לטובת זיינע מיטמענטשן. עס וואָלט באַטייט דעם ענדגילטיקן אונטערגאַנג פון אַלע אַזעלכע ווערטפולע כאַראַקטערן. אַט דער פאַקט איז אַלעמען גוט באַקאַנט אין דער איצטיקער צייט.

ראָקער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַט דער פּיאָנערן גרופּע, וועלכע, ווי גרויס ס׳זאָל נישט זיין די מאָס פון איר דערפאָלג, קען באַהויפּטן, אַז אירע אַרבעטן און קרבנות האָבן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר דער מענטשהייטס ווייטערדיקן גליק.

פּיאָנערן ווי ראָקער קענען זאָגן: —

### פּיאָנערן

מיר וועלן נישט רייזן אויף וועגן פון אונז געמאַכטע,
וואו טאָג איין טאָג אויס דער הילך פון מערערע פיס
הערט זיך אויף שטיינער פון אונז געבראָכענע,
מיר וועלן נאָר קומען צום אָרט, וואו וועגן זיך שיידן.

פאַר אונז די היץ פון טאָג — די קעלט פון נאַכט,
צענטימעטער פּראָגרעס, און די שווערע לאַסט,
און טויט צום סוף — די ענד פון שווערער שלאַכט,
אָ, יאָ, פאַר אַנדערע וואָס קומען — פאַר זיי דער וועג.

פאַר זיי דער שאָטן פון ביימער וואָס איצט מיר פלאַנצן,
זיכערע רייזע און ענדגילטיקער ציל —
זייערס די בכורה אינם לאַנד פון הבטחה,
פאַר אונז נאָר פּראַצע, אַרבעט און מי.

און דאָך דער וועג איז אונזער — ווי קיינמאָל זייער —
איז דען נישט איין פרייד נאָר אונז געשענקט?
פאַר אונז די הויפּט־פרייד, אַ פּיאָנערן,
מיר וועלן נישט רייזן, אָבער מיר מאַכן דעם וועג.





## דער יידישער דיכטער נתן האַרוויץ

(אַ געדעכעניש)

איך האָב מיט נתן האַרוויץ זיך באַקאַנט אין לאָנדאָן אין יאָר 1916. ער איז דעמאָלט געווען באַשעפטיקט אַלס „קעפּ־מייקער“. ער האָט דורכגעמאַכט די ערגסטע „סוועטינג“־פּעריאָדע אינם פאַך, וואָס ער האָט שפּעטער געמוזט אויפגעבן צוליבן געזונט. ער איז געוואָרן אַ האַרץ־ליידענדער.

ער איז געווען אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש, און האָט איידער ער איז געקומען נאָך לאָנדאָן שטודירט אין ליעזש (בעלגיען). ער איז אויך געווען אַ באַשיידענער און שטילער מענטש, ראָמאַנטיש געשטימט און נאַציאָנאַל געזאָנען. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק אויף מיר, שוין אין יענע ייִנגע יאָרן זיינע, ווי עפּעס אַ ניצוץ פון אונזערע אַלטע מוכרי־ספרים־ניקעס, ספרא־וכתבא־רבאס און כלי־קודש משפחה.

זיין פּאָעטישער טאַלאַנט האָט זיך אַנטוויקעלט אין לאָנדאָן, און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און פאַרעפנטלעכן לידער און פּאָעמעס (וועגן דעם מהות, פון זיינע לידער און דיכטונג וועל איך זיך אומקערן אַן אַנדערש מאָל).

די „העברעאישע מאָטיוון“ פון לאָרד בייראָן, וואָס האַרוויץ האָט איבערגעזעצט, אָבער נאָך אַלץ אין דער ייִנגערער פּעריאָדע פון זיין פּאָעטישן שאַפן, קען אייגנטלעך ערקלערט ווערן אַלס שליסל צו זיין אייגענעם איך און גייסטיקער וועלט זיינער. לאָרד בייראָן, דער גרויסער ענגלישער דיכטער און די גרויסע פּליעדאַ דיכטער פון זיין צייט, זיינען ביים יידיש־רוסישן אינטעליגענט געווען די מוסטערן און ניווא פאַר זייער וועלט־באַנעם און דיכטונג. און אויך ביים ייִנגן נתן האַרוויץ, האָט בייראָנס פּאָעזיע פאַרכאַפּט זיין פאַנטאַזיע און געוואָרן אַ לייט־מאָטיוו פאַר זיין טאַלאַנט. אַלס נאַציאָנאַלער ייד האָט צו אים מער אַפּעלירט די „העברעאישע מאָטיוון“ איידער „טשיילד האַראָלדס“, אָדער אַנדערע גרויסע בייראָנס שאַפונגען, און אים באַאיינפלוסט זיי איבערצוזעצן אין יידיש.

איך בין שטענדיק געווען אונטערן איינדרוק אַז צווישן אים און בייראָנען איז געווען אַ פיזישע שייכות, ריכטיקער אַ פיזישער מום, אַן אינסטינקט פון גייסטיקע ליידן וואָס האָט דעם יידישן דיכטער האַרוויץ געצויגן צו בייראָנען. ווי באַקאַנט איז בייראָן געווען אַ הינקענדיקער אויף איין פוס, און האַרוויץ איז געווען אַ האַרץ־ליידענדער, אַ געפיל וואָס האָט פאַרסמ׳ט דאָס גליק פון ביידע אין לויף פון זייערע לעבנס—און אַן צווייפל דעם לעצטן געהינדערט די פאַרצווייגונג פון זיין טאַלענט.

האַרוויץ איז ווייט געווען פון צו ווערן אַ יידישער בייראָן! מעגלעך ווען ניט זיין פריע קראַנקייט וואָלט זיך זיין שאַפונגס־קראַפט מער אַנטוויקעלט און געלאָזן זיינע שפּראָצונגען, אָבער ער האָט אפילו אין זיין צושטאַנד פאַרעפנטלעכט לידער און פּאָעמעס.

ער האָט זיינע לידער אַרויסגעגעבן אין העפטלעך, פונקט אַזוי ווי להבדיל בין החיים והמתים, אונזער שטענצל היינט, מיט דריי דעקאַדן שפּעטער. אָבער זיין מזל איז ניט געווען קיין מקור האור — זער וועניג פריילעכעס און שיינעדיקס האָט זיין לעבן באַגלייט. ער האָט אין דער ווירקלעכקייט געשריבן זיין געדיכט מיטן בלוט פון זיין האַרצן און זיי פאַרקויפט מיטן שווייס פון זיין לייב.

ווי דער גרעסטער טייל יידישע טאַלענטן, דיכטער און שרייבער פון לאָנדאָן, וועלכע זיינען געוואָרן אַפּהענגדיק פּראָפעסיאָנעל, איז ער אויך פּרי פאַרשלונגן געוואָרן אין דער זשורנאַליסטיק: געוואָרן אַ פּרעס-רעפּאָרטער, באַריכט-און רעפּאָרטאַזש-שרייבער, איבערזעצער פון העברעאישן, און אַ.ז.וו., מיט אַ צולייג פון אַ בעל-מגיה . . . און צוזאַמען מיטן לאָנדאָנער „עקספּרעס", אין די צייטן פון גינצבערגן און האָדיסן, און שפּעטער, פון שאַיאַקן (!), איז ער אויך מיטגעוואַקסן, און צוזאַמען, מיטן לויף פון דער צייט אויך איינגעצערט.

אָט זע איך זיין געשטאַלט ווי לעבעדיק: איין האַנט פאַרלייגט אויף דער אַנדערער, אויפן הינטערשטן טייל בויך, ווי ער וואָלט דערמיט פאַרשפּילען זיין לייכטן אויבער-מאַנטל; זיין טראָט לאַנגזאַם, מיד, שווער-אָטעמדיק, סאָפּנדיק און אייך גריסן מיט אַ קרעכץ: אוי ! ! — אַן אוי פון אַ פאַרוויייטיקט האַרץ פון אַ יידישן דיכטער.

האָרוויץ האָט דורכגעמאַכט און איבערגעלעבט אַלע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קאָנוואולסיעס פון לאָנדאָנער יידישן לעבן פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר. און די חתימה פון דאָזיקן לעבן איז געווען איינגעקריצט אין זיין גאַנצן מהות, מער ווי ער האָט עס געפילט און פאַרשטאַנען.

ער האָט שוין אין די לעצטע יאָרן אויסגעזעען ווי אַ פּראָטאָטיפּ פון רעמאַילעס ווילנער געסל, אָדער פון וועלכן ס'איז יידישן שטעטל — אַ שרייבער-לאַטוטניק. וואָרים ער האָט פאַרזאָרגט די יידישע פּרעסע מיט אַלעמען: מיט לידער, און אַרטיקלען, איבערזעצטע און אייגענע, געשריבען באַריכטן, נייעס, און בשעת הדחק, אויך אַ לייט-אַרטיקל; געווען אַ יוצא ונכנס אויף אַלע אספות, יובלעאומס, „רעסעפּשאַנס" און קבלת-פּנימס . . . ער האָט אַלץ איינגעזאַפּט אין זיין קראַנקן גוף און אַוועקגעגעבן עס ווייטשעפּעלער יידן . . . די יידישער פּרעסע.

וואָס ער האָט דערפון געהאַט? קוים אויף ברויט; קוים איין העמד; קוים איין מאַנטל! קיין סך האָט ער סיי ווי ניט פאַרלאַנגט; וואָרים ער איז געווען איין מענטש אַליין . . . נאָר מען האָט אים עקספּלואַטירט—יאָ, די יידישע פּרעסע האָט זיין טאַלענט עקספּלואַטירט. ער האָט דערפאַר געהאַט אַ „ברכה" ענלעך צו שלום-עליכם'ס פאַר ווייטשעפּל, נאָר מיט זיין אייגענער נגינה און הברה, וואָס האָט געקלונגען אַ שטייגער ווי:

— די פערד, די חמורים, די אידיאָטן! — ער האָט דעם לעצטן וואָרט אָפּט באַנוצט.

זיינע קליידער אויף אים האָבן זיך זעלטן געביטן: אויף שמחות אָדער



טרויער, אין טעאַטער אָדער אין שוהל, אויף קבלת-פּנים אָדער טרויער-פאַרזאַמלונגען שטענדיק אינם זעלבן הילוך . . . דאָס אָפּגעשמיסענע און אָבגעטראָגענעם לייכטן אָבערראָק און, מיטן פּעקל ביכלעך אונטערן אָרעם. דער אַמאָליקער יידישער פאַנטאַסטישער, ראָמאַנטישער דיכטער נתן האָרוויץ, דער יידישער צייטונגס, באַריכט-און קאָנפערענצן-שרייבער און בעל-מגיה האָט ביי ווייטשעפּעל, ביי דער יידישער פּרעסע בעלי-בתים ניט געשפּילט קיין גרעסערע ראָלע אין דער יידישער מעטראָפּאָליס—לאָנדאָן, ווי דער יידישער בדחן-פּורים-שפּילער און בטלן אינם קליינעם שטעטל מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק.

אָבער געשיכטע לעבט אייביק. ערגיץ-וואו, הינטער דער בינע אָדער סצענע האָט זיך אָן אויג, אַ האַרץ צוגעקוקט צו יענעם מענטשן וואָס האָט געשריבן שטענדיק מיט דער פּען, געשריבן ווי דער יידישער סופר די הייליקע אותיות, און קרעכצנדיק, סאָפּנדיק ביזן לעצטן אָטעם: „אוי!"

ער האָט איינזאַם געלעבט און אויך אַזוי איינזאַם, ערגיץ אין אַ „האָם", אויסגעהויכט זיין נשמה, עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה.

## צוויי יידישע לאָנדאָנער דיכטער

ליבער חבר שטענצל,

איך בין אייך זער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט מיך איינגעלאַדן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די יידישע דיכטער, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין דער יידישער לאָנדאָן מיט איבער 30 יאָר צוריק און אויך שפּעטער, און וועלכע איך האָב זער גוט געקענט. איך וועל דאָ בלויז זיך אָפּשטעלן איבער צוויי פון די דאָזיקע דיכטער, וועלכע איך האָב צו מיין באַדויערן אַרויסגעלאָזן און ניט דערמאָנט אין מיין בוך „למך".

דער ערשטער פון זיי איז געווען חבל הורוויטץ, אַ ייד אַ בעל הבית, אַן אַגענט פון הייזער, וועלכער האָט דאָס רוב געדיכטעט אויף נאַציאָנאַלע, ציוניסטישע און פאָלקס-מאָטיוון. ער האָט אויך געשריבן סאַטירישע לידער איבער דעם יידישן לעבן אין ענגלאַנד און אַנדערשוואו פון די דעמאָלטיקע צייטן.

חבל הורוויטץ איז געווען אַ זער אינטערעסאַנטער און ראָמאַנטישער טיפּ פון אַ יידן. קליין געוויקסיג, אַ רונדיק פּנים, פול מיט לעבן און באַוועגליכקייט, און ער האָט תמיד געהאַט אַ שמייכל פאַר יעדן. ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע לידער דאָס רוב אין יידישן „עקספּרעס", וואָס איז ערשינען אין לאָנדאָן. און אין יאָרן פאַר זיין פּטירה האָט ער אויך אָבגעדרוקט אייניקע פון זיינע לידער אין די „אָבענד נייעס", אַרויסגעגעבן פון די „צייט" רעדאַקציע. צו יענער צייט האָט ער מיך איינגעלאַדן צו רעדאַקטירן זיינע געזאַמעלטע לידער כדי זיי

אַרויסצוגעבן אין בוך פאָרם. דאָס בוך צו וועלכן איך האָב געשריבן אַ פאָרוואָרט איז ערשינען אין די נאַראָדיצקי דרוקעריי אונטערן נאָמען: „פאָלקס־מאָטיוון“. מר. כהן־לאַסק האָט אויך אין זעלבן בוך פאַרעפנטלעכט אַ חברישע באַגריסונג צום מחבר.

נתן האָרוויץ, וועלכער איז געווען פיל ייִנגער, האָט שוין געהאַט אַ לעבן פון ליידן און מאַטערניש. כמעט די אַלע יאָרן וואָס איך האָב אים געקענט איז ער געווען אַ קרענקלעכער מענטש און זער עלענד. אויב איך האָב קיין טעות ניט פלעגט ער דאָ אַרבעטן ביי שניידעריי. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ בעל מגיה (קאָרעקטער) אין „עקספּרעס“. נאָר זיין לאַגע איז קיינמאָל ניט געווען קיין גוטע.

נתן האָרוויץ פלעגט אַרויסגעבן זיינע לידער אין קליינע העפטלעך. ער איז געווען אַ דיכטער פון באַדייטענדן טאַלאַנט. ער האָט אויך איבערגעזעצט אין יידיש בייראָנס העברעאישע מאָטיוון. וועגן נתן האָרוויץ וואָלט געווען כדאי זיך אָבצושטעלן אויף אַ ברייטערן אופן און איך האָף דאָס צו טון ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

צוליב זיין קראַנקייט, עלענד און שטענדיקע מאַטעריעלע מאַטערנישן איז נתן האָרוויץ געווען אַ זער פאַרביטערטער מענטש, און פונקט אַזוי ווי ער האָט געלעבט אַזוי איז ער אויך געשטאָרבן.

זלמן רייזין האָט אים דערמאָנט אין זיין לעקסיקאָן, און לויט מיין מיינונג—אויף אַ ניט פאַסנדן אופן.

מיט אַכטונג אייער,

בן־א. סאכאטשעווסקי

* * *

## יידיש שאפן אין לאנדאן

אין איינעם פון אונזערע לעצטע שבתים, אויף די 7־טע לעקציע פון דער סעריע „יידיש שאַפן אין לאָנדאָן“, האָב איך דערמאָנט, אַז אברהם רייזין האָט מיר פאָרגעוואָרפן, וואָס אין די צוויי העפטלעך „יידיש שאַפן אין לאָנדאָן“, איז מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט צומאָל דער פּאָעט האָראָוויטש (האָרוויץ).

צו מיין גרויסן באַדויערן מוז איך זאָגן, אַז אַ יידישער פּאָעט מיט אַזאַ נאָמען אין לאָנדאָן איז מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. דאָ אינטערעסירט מען זיך ווייניק מיט יידישע שרייבער — געשטאָרבן איז באַגראָבן! . . . צום גליק האָבן מיר אַן אברהם רייזין, וואָס אין זיין געדעכעניש און אין זיין וואַרים האַרץ טראָגט ער אונז אַלעמען מיט גרויס זאָרג און מיט נאָך גרעסערער ליבע.

דער אָפּגעדרוקטער בריוו פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי און דער אַרטיקל פון אהרן גאָלדבערג איז גוט צו מאַכן דעם בשוגגדיקן פעלער.



## אן אויסצוג פון א בריוו פון א יידישן זעלנער אין פראנקרייך

ישראל דוד שפּעטמאַן, צו זיין פאָטער, דעם באַקאַנטן רב אין לאָנדאָן, הרב יהושע שפּעטמאַן.

. . . עס וועט זיך אפשר נישט גלויבן, אַז איך ליג זיך יעצט אַזוי און שרייב מיר רואיק אויף דער הייליקער פראַנצויזישער ערד אַ בריוועלע צו דער מאַמען.

אַ וואָסער וואַרימקייט און נאָענטקייט איך פיל צו דער ערד! פאַר וואָס ווייס׳ך נישט, מעגליך אַז וויל אויף דער ערד איז פאָרגעקומען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע. ז. ז. רוסאָ און וו. הוגאָ האָבן אויך דאָ אפשר געטרעטן טאַקע מעגליך אויף דעם אָרט, וואו איך בין. אַ געדאַנק ווי דער, אַז מעגליך דו טרעטסט אין די טריט פון די גרויסע, מאַכט דיינע טריט אַזוי לייכט. קומענדיג אַהער האָב איך געקלערט נאָר אפשר פאָר איך אָפּצאָלן אַ יידישן חוב, וואָס מיר זיינען שולדיג זאָלאַן פאַר זיין פאַרטיידיקן דרייפוסן.

פון דער גאַנצער ליטעראַטור וואָס אַ זעלנער קען האָבן ביי זיך, איז מיר נאָר געבליבן שטענצלס (נישט מר. שטענצל) קליין לעצטע ביכעלע. איך האָב עס שוין פיל מאָל געלייענט און קלער צו להכעיס היטלערן ברענגט מען פאָרט צוריק קיין פראַנקרייך אַ רוח החיים—אַן אמת יידיש וואָרט.

מר. שטענצל, איך גלויב אַז „יידיש־סאָוויעטישע ברידער“, איז דאָס ערשטע יידיש וואָרט וואָס האָט געלאַנדעט אין פראַנקרייך. ווייל אויב עס האָט פאַר דעם געלאַנדעט אַ „פרעיר־בוק“ איז דאָך דאָרט קיין לשון־קודש און ממילא קיין קדושה נישטאָ.

. . . דו קענסט מיר שיקן אַלע יידישע ליטעראַטור וואָס נאָר דו ווילסט. דיין „קונטרס האמת“ און שטענצלס לעצטע אויסגאַבע.

דאָס ביכעלע וואָס ער האָט מיר געגעבן קוקט שוין אויס ווי אַן אַלטע שמ׳ע וואָס וואַלגערט זיך אין שול און אַ ייד הויבט זי אויף און גיט אַ קוש, ווייל דאָס איז דאָס איינציקע יידישע וואָרט וואָס איך האָב געהאַט צו לעזן און קען עס שוין באַלד פון אויסענווייניק. אָבער טראָץ דעם מוזט דו פערשטיין אַז קיין סך צייט צו לייענען האָב׳ך נישט.

## פריינט פון יידיש-לשון און דער יידישער קולטור-קלוב

לעצטן זונטיק, דעם 27־טן אוגוסט איז פאָרגעקומען אין הויז פונ׳ם יידישן קולטור־קלוב אַ צוזאַמענטרעף פונם קאָמיטעט פון דערמאָנטן קלוב מיט די פאָרשטייער פון „פריינט פון יידיש לשון“. דער צוועק איז געווען געמיינ־זאַמע אַרבעט פון די צוויי קערפּערשאַפטן, בכדי די קולטור־טעטיקייט אין לאָנדאָן צו פערשטאַרקן און אַנצוגיין מער פּלאַנמעסיק און קאָאָרדינירט.

נאָך אַ דעבאַטע פון די פאָרשטייער פון ביידע צדדים האָט זיך אַרויסגע־

שטעלט, אַז ס'איז קיין שום אַנטאַגאַניזם נישט פֿאַראַן צווישן די ביידע אָרגאַניזאַציעס, בנוגע יידישער קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. און עס איז תיכף באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין די „יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס" וועלן אַנטייל נעמען טוער פון יידישן קולטור־קלוב צוזאַם מיט די טוער פון „פריינט פון יידיש־לשון" און פאַרקערט, ביי די אונטערנעמונגען פונם קולטור־קלוב וועט זיך מיטבאַטייליקן דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון".

ס'איז אויסגעווילט געוואָרן אַ געמיינזאַמע עקזעקוטיווע אין וועלכן ס'גייען אַריין פון יידישן קולטור־קלוב: אשר פרוכט, א. טשאַלעק, נ. רובין. און פון „פריינט פון יידיש־לשון": משה עובד, י. ביעטש און א. נ. שטענצל.

ס'איז דעריבער צו האָפן, אַז די אַרבעט פון די צוויי קערפּערשאַפטן, וועלכע שטייען אין די לעצטע חדשים אַלץ די איינציקע קולטור־אינסטיטוציעס אויף דער יידישער גאַס, וועלן מיט דער פֿעראייניקונג געווינען שטאַרקערע כוחות בכדי צו קאָנען אָנגיין מיט אַ פאַרברייטערטער יידישער קולטור־אַרבעט.

פאַר „פריינט פון יידיש־לשון",

א. נ. שטענצל.

פאַר יידישן קולטור־קלוב,

אשר פרוכט.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין גרענד־פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.—3 נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 2־טן סעפטעמבער, וועט אליה פּאַלושאַק האַלטן אַ פאַר־טראָג „פינף יאָר מלחמה און דאָס יידנטום". עס באַטייליקן זיך משה עובד און י. ביעטש. דער דראַמע־קרייז ביים יידישן קולטור־קלוב וועט אויפפירן דעם סאָוויעטישן איין־אַקטער: „מיר לעבן".

שבת, דעם 9־טן, אַ סימפּאָזיום: די וועגן און די צילן פון יידישע קולטור־אַרבעט. מיט רעדעס וועלן אויפטרעטן די טוער פון פריינט פון יידיש־לשון און פון יידישן קולטור־קלוב.

שבת, דעם 16־טן, דער טראַדיציאָנעלער ימים־נוראים שבת. מיט פאַרלעזונגען פון אונזערע קלאַסיקער: מענדעלע, פרץ און שלום־עליכם.

שבת, דעם 23־טן, וועט רבי טווערסקי ריידן שבת־תשובה ביי יידן און חזן שמואל ראטה וועט זינגען ימים־נוראים נגונים. מ'וועט אויך ריידן איבער סינאַגאָגאַלע מוזיק.

שבת, דעם 30־טן, וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער שבת לכבוד סוכות, מיט פאַרלעזונגען פון אונזערע פּאָעטן־קלאַסיקער און שרייבער: ראָזענפעלד, יהואש, פרוג, אש, רייזין א.א.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סט., א.1.



# ימים - נוראים

## תפילה און ליריק; פיוט און פאעזיע

.1

מיט זייערע איינגעהאַלטענע אָטעמס, מיט זייערע אויסגעהויכטע לעבנס האָבן אונזערע אבות אויפגעבויט דעם פיעדעסטאַל פאַרן רואה ואינו נראה. מיט זייערע אויפגעהויבענע הענט, פיל מיט ציטער און מיט זייערע ביקנדיקע קעפּ, האָבן זיי די „ברכי־נפשי"־טעפּיכער אויסגעשפּרייט פאַר די „מעולם ועד העולם" טריט.

אָט דער איינגעהאַלטענער שטילער אָטעם און לעצטער גסיסה־כאָרכל, אָט דער פלוצלינגער הענט צעשטרעק און פאַל מיטן פנים צו דער ערד, דאָס איז דאָס דער ריטם פון אונזערע פּזאַלמען פסוקים און תהלים־קאַפּיטלעך.

און ווייל דער גלויבן, וואָס אָטעמט אַרויס פון זיי, וואָס איז אָנגעפילט אין זיי, אין אָט די פסוקים, איז שטאַרקער ווי דער טויט, ווייל זייער „מעמקים"־געשריי איז טיפער פון יעדן מענטשלעכן וויי, האָבן נאָך אונזערע מאַמעס אויסגעבעטן מיט זיי זייערע שטאַרבנדיקע קינדער און דערפילט די גרויסע הילף, באַוויינט מיט זיי, מיט אָט די תהלים־פערזן, זייערע טויטע און געוואָרן געטרייסט.

און ווייל אָט די ריטמען, די תפלות, זיינען דאָס שטאַרקסטע און דער־פילטסטע אונזערס,—דאָס עכטעסטע וואָס נאָר אַ מענטש איז ביכולת משיג צו זיין מיט זיין נויט און מיט זיין טויט! — איז עס געוואָרן דער לעבעדיקער קאָלעקטיוו פון אונזערע יסורים און אויסגייענדיקע הערצער, דאָס אומ־שטערבלעכע פון אונזער פאָלק.

יאָ, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אין די תהומות־טיפענישן פון זיין צער, דער־זעט דער פּראָסטעסטער פון אונז דעם רואה ואינו נראה, ווען ער שעפּטשעט אַזעלכע ריטמען, אַזעלכע פסוקים, זיי זיינען שטאַרקער פון אים, פון זיין וויי, פון זיין טויט — מען דערהערט מיט זיי אַ שעפּטשען פון לעבעדיקע אברים, אַז די אייגענע עצמות היבשות ציטערן אַזש מיט אויף! יאָ, מ'איז נישט מער קיין אבר המדולדל—מ'שטייט דעם געוויסן פנים אל פנים! מ'האָט מיט־אחריות פאַרן וועלט־באַשאַף און פאַר יעטווידער טאָט.

קיין „רעליגיאָנס"־פילאָזאָף האָט נאָך נישט קיין שטאַרקערן באַוויז געגעבן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט און נישט איבער די נויטיקייט פון אים, ווי איין קאַפּיטל תהלים געזאָגט פון אַ צעווייטאָקט האַרץ. און טאַקע דערפאַר, איז דאָס תהלים'ל, דער פּזאַלטער, געוואָרן דאָס טאָג־און נאַכט־געבעט פון דער